STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02702

# ALE VERK

## Mendele Mokher Sefarim

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג
מענדעלע
ווארשע

# אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים

(ש. י. אבראַמאָוויטש)

## זיבעטער באַנד

נײַע פֿערבעסערטע אויסגאַבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא, נאָוואָליפּקי 7

1928

# אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים
(ש. י. אַבראַמאָוויץ)

# יודעל

## אַ ספור־המעשה אין שירים ע״מ י״מ תנועות

אַך, יודעל מיין קראַנקער, מיין קראַנקער יודעל,
דיין לעבען איז זעהר, זעהר אַ טרויעריג ליעדעל.

אין צווייַ טהייל

פערלאג „מענדעלע״, ווארשא
1928

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

# יודעל

„יודעל״, אַ ספור המעשה אין שירים, ע״מ י״א תנועות. אָך, יודעל מיין קראַנקער, מיין קראַנקער יודעל, דיין לעבען איז זעהר, זעהר אַ טרויעריג ליעדעל, אין צווי טהייל״,—אַזוי איז געווען אויפ׳ן שער־בלאַט פון דער ערשטער אויסגאַבע פון „יודעל״, ווארשא 1874.

אין דעם בוך גיעט מענדעלע איבער אין גאַנץ פאַרעלטערטע גראַמען די געשיכטע פונ׳ם יודישען פאָלק. אין דער הקדמה צום בוך קלערט־אויף אַ ביסעל מענדעלע, וואָס ער וויל מיט זיין בוך. „אַלץ וואָס איז אַמאָל, אַמאָל געווען״האָט ער וועגען דעם געלערנט „נאָר אין חדר״, ער האָט דאָרט געהערט וועגען יודעלס (דעם יודישען פאָלקס) גדולות״, שפעטער אָבער האָט איהם בעוויזען די צייט און געגעבן גאַנץ „דייט־לעך צו פערשטעהן״, אַז אַזוי „ווי הימעל פון דער ערד איז ווייט״, אַט אַזוי איז פון חדר ווייט דאָס לעבען. „יודעל דאָ, וואָס איז אין דער וועלט אַצינד, איז ניט דער יודעל, וואָס אין חדר דאָרטען״. „יודעל דאָרט, וואָס כ׳האָב מיר פאָרגעשטעלט, האָט געוואָרעמט אלע זיינע גלידער, זעהט ער אָבער יודלען אין דער וועלט, ווערט איהם קאַלט און נאַס אין די אויגענלידער״. און ער טרעט צו, „צו בעשרייבען יודלען דאָ און דאָרט, דעם וואָס היינט און יענעם פון חדר״.

„יודעל״ איז ערשיענען נאָך „דער קליאַטשע״, און עס איז קיין צופאַל נישט. עס איז אַ מין המשך, אַ מין דערגאַנצונג צו „דער קליאַטשע״. אַט שרייבט ד״ר קלויזנער: אינם האַרץ פונם שטראָפער, דעם סאַטיריקער האָט זיך אָנגעזאַמעלט פיעל רחמנות צו זיין אומגליקליכען פאָלק, און אין פערזען,—וואָס זייער דיכטערישען ווערט איז שטאַרט ספק׳דיג, אָבער זיי זענען פול מיט געפ׳הל פון פיעטעט,—שילדערט אַבראַמאָוויטש אַלע־גאָריש די גאַנצע געשיכטע פונ׳ם יודישען פאָלק, אָנגעהויבען פון מתן־

תורה ביז מענדעלסאָנס תקופה... „די קליאַטשע“ און „יודעל“ זענען אמתע עדות, אז די אַלע אומגליקען און צרות האָבען נישט דערדריקט אין מענדעלעס האַרץ (ווי זיי האָבען דערדריקט די הערצער פון גאַר־דאַן און זיינע חברים) דעם טיעפעם און דערהויבענעם געפיהל, אז דאָס יודישע פאָלק איז מעהר אומגליקליך, ווי זינדיג, און מעהר ווי דאָס פאָלק איז שולדיג אין זיין שרעקליכען מצב, זענען שולדיג אין דעם די. וואָס פלאָגען און יאָגען איהם. אויך אין „דער קליאַטשע“ און אין „יודעל“ קאָן מען געפונען פיעל האַרבע ווערטער געגען די אינערליכע תקיפים, די פיינע לייט און די בעלי־טובות, וואָס מאַכען אַ תל פון דעם יודישען פאָלק און פערוויסטען זיין לעבען, אָבער די סאַטירע און די שטראָף־רייד ווערען בטל און צונישט געגען די מעשים פונ׳ם אשמדאי, וואָס פייניגט יודלען, און די ווילדע יונגען, וואָס פאַלען אָן אויף איהם און דערגעהען זיינע יאָהר פון דור צו דור“.[1])

מענדעלע שילדערט דאָ גאַנץ פרימיטיוו־יודישלעך די וויכטיגסטע מאָמענטען אין דער יודישער געשיכטע, ער שטיצט זיך אויף פסוקים, אויף מימרא׳ס פון תלמוד, מדרש און אויך אויף געשיכטליכע קוועלען פון פערשידענע היסטאָריקער. אין די הערות, וואָס קומען צום סוף פון בוך, זענען אָנגעגעבען די קוועלען, אויף וועלכער ער האָט זיך גע־שטיצט. מענדעלע ווייזט דאָ אַרויס גרויס בקיאות אין יודישע און נישט־יודישע ווערק.

די הויפט־טענדענץ פון בוך איז: „יודעל אין דער היים און יודעל אין דער וועלט, איז אין צווייערליי געשטאַלטען פאַרגעשטעלט. יודעל אין דער היים—אַ האַר, אַ מאַן, אַ טאַטע, דאָרט—אַ וואָרעם, ווי אַ פליג גאָר שלאַף, דאָ אַ יש, אַ פריץ און אַ גראַף, דאָרט אָהן לייב און לעבען, אָהן געפיהל, דאָ אַ מענש, ער לעבט און פיהלט זעהר פיעל, דאָרט—אַ ניכטס, אָהן בילדונג, אָהן אַ צונג, דאָ—אַ למדן, רעדט און ווייסט אַלצדינג“. און דערפון שטאַמט אַרויס, אז „וואָס דער מבול צרות גיסט אַלץ מעהר, מעהר פערשפאַרט ער זיך מיט ווייב און קינד“.

---

[1]) ד״ר י. קלויזנער—שני המנדלים, כל כתבי ממו״ס, ב. 7 ז. 132.

מענדעלע שרייבט אין „יודל": „אין דער מעשה אפשר נים געפעלען וועט אַזויפיעל טרויעריגע שטעלען, נאָר ווער יודעלס לעבען עילדערען וויל, מוז דערצעהלען צרות, מכות פיעל. וועהניג, יודעל, איז אין דיין געשיכטע פרייד, זעהר פיעל זענען דיינע צרות און דיינע לייד".

„די אָפטמאָל שעהנע געדאַנקען און חקירות—שרייבט ש. ניגער,— וואָס בעגעגענען זיך דאָ, קליגגען אונז פרעמד, מיר האָבען זיך אָבגעוועהנט פון אַזאַ ארט שרייבען: איבער דער שפּראַך אָבער איז מענדעלע אויך דאָ אַ אויבערהאַר, און דער ליעבהאָבער פון יודיש וועט דאָ נישט וועהניג נוצליכעס געפינען". [2])

מען-דארף געדענקען די צייט, אין וועלכער מענדעלע האָט געלעבט, מען דאַרף נעמען אין אַכט די אַטמאָספערע, וואס האָט געהערשט צוריק מיט עטליכע און פופציג יאָהר, צו פערשטעהן די אומשטענדען, די מאָטיוען, וואָס האָבען געבראַכט מענדעלען צו שרייבען דעם „יודעל". דער „יודעל" איז אַ שטיק פון מענדעלע'ן, אַ ביין פון זיין ביין און פלייש פון זיין פלייש.

נ. מ.

---

8) ש. ניגער—ווענען יודיש שרייבער I. ז. 54.

# הקדמה.

אלץ וואס איז אמאל, אמאל געווען,
האב איך דאס געלערנט „גאר" אין חדר;
אלץ וואס דארטען דארט עס איז געשעהן,
ניט וואס „דא", וואס „איצט" און אויך ניט בסדר.
דעלם גדולות האב איך דארט געהערט,
ווי ער איז געהויבען, אהן עין הרע,
ווי עס איז איהם מיט גאטס הילף בעשערט
רייך א גביר, א שטארקער גרויסער שררה —
די פונים „ויתן לך" צו זיין א גביר,
און א שררה מיט א גלייכען רוקען,
מיט תבואה פעלדער פיעל גאר אהן א שיעור.
עשו, ניבעך, מוז צו איהם זיך בוקען.
שפעטער האט בעוויזען מיר די צייט
און פארשטעהן גאנץ דייטליך מיר געגעבען,
אז ווי היממעל פון דער ערד איז ווייט
מט אזוי פון חדר איז דאס לעבען.
יודעל דא, וואס אין דער וועלט אצינד,
איז ניט דער יודעל, וואס אין חדר דארטען.
דא איז איהם אז אך און וועה און זינד,

א פרעמדער אהן א שטוב, א שטיקעל גארטען,
מכות האט ער, צרות אהן אן עק,
ווערט פערשווארצט דא און ארויסגעצויגען,
פאר׳ן פרייז ציטערט ער, א שרעק,
זינגט זיך איהם און מאכט איהם צעהן פארבויגען.
יעדעל דארט, וואס כ׳האב מיר פירגעשטעלט
האט געוואַרעמט אלע מיינע גלידער;
זעה איך אבער יודלען אין דער וועלט,
ווערט מיר קאלט, און נאס די אויגענלידער
צו בעשרייבען יודלען דא און דארט,
דעם וואס היינט און יענעם פונ׳ם חדר.
האב איך לאנג געגעבען מיר דאס ווארט
און בין מקיים דא אצינד מיין נדר.

---

*) ברעמען.

# א

קראנק איז יודעל שוין א צייט מיט יאהרען,
און איז פונ'ם פנים שטארק אראפ,
עפּיס מאקי איז פון גאט א צארן
אויסגעגאנגען, נעבאך, צו זיין קאפ.
ער פיהלט קיין „גליד" אין קערפער ניכט א גאנצען
און האט א שלאפקייט. עפּיס, גאט בעהיט,
וואס ווי א פיבער ווארפט עס מיט די גלידער,
ס'לאזט איהם, דאכט זיך, אב און ס'האפט איהם ווידער
ס'ווארפט מיט איהם פון היץ אין קעלט,
א חלום איז זיין לעבען,
צווישען דער און יענערוועלט
א וואנדלען און א שוועבען.
אפטמאל ליעגט ער זיך אין היץ פערטראכט,
אויסגעמישט ביי איהם איז טאג מיט נאכט,
צוגעמאכט האלב זענען איהם די אויגען,
רעדט וואס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען,
און ביי זיך אין „שטיבעל", פול מיט שימעל,
מיינט ער, איז ער אויפ'ן זיבטען הימעל.
אויפ'ן הימעל חלומ'ט זיך איהם א יריד

ס'איז איין קול: אַ שלום אייך, רב איד!
שאַ, רב יודעל קומט, אַ וואָרע מאַכט!
ווייזט, רב יודעל, וואָס האָט איהר געבראַכט.
ניך צופּאַקט ער ס'קרעמיל זיינס מיט סחורה,
ציצית ווייזט ער, פּרושים אויף דער תורה.
גענומט אַרויס אַנטיטשע מיני ספרים,
מיט די גרויסע טיטלען, מאָדנע לערים,
ביינגע, פול אָנגעשטאָפּט מיט פּשט'לעך.
און בע'טעמ'טע מיט קבלה־בלעטלעך.
ס'גילט זיין סחורה, דאַכט זיך איהם, גאַנץ שטאַרק,
כ'חאַפּט ווי מצה־וואַסער אויפ'ן מאַרק.
פול־און־פול מיט קונים איז דאָס קרעמיל,
יענקיל, איציק, דאָרט, און אויך אַברהם'יל.
און רב משה מלמד קומט צולויפען,
וויל אַ חומש בעל־הטורים קויפען.
אונזער מלמד קוועלט גאָר אָן פּאַר פריידי.
פון די טייטשווערטער און זיסע ריידי.
שפּיפון־ס'טייטש אַ פּיפּערנאָטער ער דערהערט,
ווי אַ פּרשה חומש יודעל איהם דערקלערט,
מיט דעם ניגון פון אָמר אַביי —
קומט איהם צו גאָר אַ נשמה אַ נייע.
ס'קומט די באָבע שרה נאָך אַ תחינה,
און די מוטער רחל וויל אַ קינה.
קינות, תחינות, טרויער־מאַטעריאַלען,
אויף צוגיסען טרערען גאַנצע קוואַלען;
קינות אַלטע אי פון נייע צייטען,

וָואס אָזעלכֶע אִיז נִישְׁטָא בַּיי לַייטְן;
קִינוֹת כְּמִנְהַג אַשְׁכְּנַז וּפוֹלִין;
קִינוֹת אויךְ כְּמִנְהַג פִּיהֶם און מֶעהְרֶען־
אִיז, בָּרוּךְ־הַשֵּׁם, בַּיי יוּדְלֶען דָא אַ סַךְ,
ווִיפִיל עֶס אִיז פַארְהַאן אִין הִימֶעל שְׁטֶערְן.
הַכְּלַל, עֶס אַרְבַּייט יוּדֶעל, אִיז נִיט פוֹיל,
ס'שִׁיטֶען זַיין מָאס רֵייד זִיךְ אִיהְם פוּן מוֹיל.
ס'דַאכְט זִיךְ אִיהְם פוּן הִיץ נָאךְ זַאכֶען פִיל,
אַז עֶר טְהוּט אַלְצְדִינְג דָארְט, וָואס עֶר ווִיל.
כָּל־נֶלֶךְ אִיז עֶר, דָארְט אַ פַּרְנֵס־חוֹדֶשׁ,
גֶעהוֹיבְּט, גֶעקְרוֹינְט, אִיז עֶר אִינְגַאנְצֶען קוֹדֶשׁ.
רֶעדְט עֶר אוֹיס אַ וָוארְט, אִיז אוֹיף דֶער שְׁטֶעל
וַואקְסֶען אוֹיס מְשָׁרְתִים טוֹיזֶענְד שְׁנֶעל,
אַלֶע פָאלְגֶען, דִינֶען אִיהְם גֶעטְרַיי,
ר'לֶעבְּט ווִי גָאט אִין פְרַאנְקְרַייךְ פְרַיי.
ס'נֶעהְמְט אִיהְם אָן אַ חֵשֶׁק גָאר אַמָאל,
מַאכְט זִווּגִים אוֹיבֶען אָהן אַ צָאהל.
עֶר אִיז מְיַחֵד אויךְ דִי ווִיכְטִיגֶע דָארְט עֲגוּנָה־
קוּדְשָׁא בְּרִיךְ־הוּא, הֵייסְט עֶס, מִיט דֶער שְׁכִינָה.
עֶס אִיז פַאר יוּדְלֶען דָארְט אַ לֶעבֶּען אוֹיבֶען,
אַ דֶערְקְווִיקֶענִישׁ, אִיהר מֶעגְט מִיר גְלוֹיבֶּען!
און ווִי יוּדֶעל לִיגְט אִין הִיץ פֶערְטְרַאכְט,
רֶעדְט פַאר פַייעֶר, נִישְׁט פַאר אַייךְ גֶעדַאכְט,
וֶוערֶען פְּלוּצְלִינְג קַאלְט אַמָאל פוּן זַיינֶע גְלִידֶער,
מִיט דִי אַנְדֶערֶע גָאר עֶפִּיס ווִי אוֹיס בְּרִידֶער.

שׁרײַ חַי וְקַיָם — ס׳איז אומזיסט די טירחה גאָר
זי איז־קאַלט װעלן זײ און פֿיהלען אויף קײן זאַך
פֿיהלען ניט ביז װאַן מען גיט זײ ניט אַ קװעטש,
און מען דערװאַרימט זײ מיט גוטע הײסע פּעטש
מיט די אַלע מַכּות אַט דאָס גאַנץ קאַפּיטעל,
אונזער עולם׳ס די געברױכטע מיטעל...
גלידער װי געהעריג, איז ניט אײנער
גלאַט דאָס װעלן זיך אַהױפען בײנער,
אָהן שום לעבען, אָהן שום האַפּט,
אָהן שום כּחַ, אָהן שום קראַפּט.
אַנצוקוקען זײ, אַזעלכע שלעק,
דאַכט זיך, ס׳איז געקומען יודעלס עק.
ס׳פֿיהלט דער מענש אין היץ פֿאַרט עפּיס לעבען,
ס׳פֿליהט דער קאָפּ איהם, די געדאַנקען שװעבען,
אויך אין חלום האָט דער מענש הנאה,
נוט איז איהם אויך אי אַ חײַ שעה.
קעלט איז אָבער קײן קאַטאָװעס,
ס׳איז פֿאַר איהם דער מלאך־המות.
קאַלט אַז ס׳װערען גלידער, איז מען שוין פֿאַרבײַ,
דענסטמאָל הערט מען שוין נישט, חאָטשע רעד און שרײַ.
יודעל אַז ער לעבט און איז נאָך נישט קײן מת,
איז דאָס טאַקי נאָר אַ גרױסער נס.

## י ו ד ע ל

צווישען מענשען אין די אלטע צייטען,
אויסגעהן האמש די וועלט אין אלע זייטען,
איז צו יודעלם לעבען, שווער איך אייך,
ערגיץ ניט געווען קיין שום פערגלייך,
אין דער וועלט א חכם איז זיין טאטע איינער,
צו וועלכעס גרויסע חכמה עס דערגרייכט ניט קיינער.
א מייסטער גאר. א קענער אויף צו מאכען
חדושים — וואונדערליכע זאכען,
וואס קינסטלער גוטע קוקען, גאפען,
און זעהען ביי זיך אוים ווי אפען —
דער דאזיגער בעריהמטער טאטע,
האט ליעב געהאט פון זיינע קינדער
(פארגרעבטע נאך געווען לעת־עתה)
דעם יודעלען, וואס איז קראנק אצינדער.
נאך דעם אז יודעל האט א צייט
געארבייט און געדינט ביי לייט,
בעפרייט דער פאטער איהם פון אלע
און גיט איהם טאכי באלד א כלה.
ווי זי ניטא אזא חכמה,
א גוטע אין א וואהל נשמה,
וואס מיט איהר וואונדערליך בענעהמען
איז זי אי גאט אי לייט געפעלען,
זי האט געפעגט זיך גאר נישט שעמען,

פאר גרויסע קעניגען זיך שטעלען.
געקענט וואלט זי אי לענדער פ הרען
און קושען זאל מען איהר די הענט.
לא די וואס זי איז פיין, געלערענט.
איז גיט מען איהר נאך אין נדן
א גוטע נחלה, דורך מיט פעלדער,
מיט טייכען, ווייגגע־טנער און וועלדער.
וואו אויב מען זאל ניט זיין נא פ ..
האט מען ברויט א פולען מויל,
וואו עס פעהלט ניט קיין שום זאך.
מילך און האניג פליסט א סך.
פערהאן גענוג אי ווייץ און קארן
מען קען גוט אבלעבען די יאהרען [1]
און ד׳כלה, מיט אזוינע מעלות,
נעהמט יודעל, ניט צו מאכען שאלות.
מיט דער חתונה געקלונגען האט די וועלט,
מ׳האט זיך אויף שבועות למזל אבגעשטעלט
ביי א סטאנציע, אינ׳ם כמעט גאנץ ווייט,
אונטער׳ן הימעל, פריי פאר גאט און לייט.
האבען חתן־כלה, אויף א בערגיל דארט.
ביידע זיך געגעבען זייער ווארט,
געשפילט האט דארט א פייערדיג קאפעלע,
מ׳הע ט אזוינס ניט אויף די גרעסטע בעלע.

1) דברים ה׳ ז׳—י״א.

### יוּדעל

קולות און געטימעל
געהען ביזן הימעל,
שטארקער און פארמעהרט;
און פון אלע עקען
ווערט מען און מען הערט
פליהען פייערווערקען.
גענצליך איז דער בארג אילומינירט
צוש פון אונטען ביז די שפּיצען,
מחותּנים צו דער חוּפּה האבען זיי געפיהרט
מיט פאקעלן און מיט בליצען. 2)
די נאטור העט ווייט ארום
געבליעבען איז פערגאפט און שטום,
קיין פויגעל פּיפּסט ניט אומעטום.
ב׳מעקעט ניט קיין אקס, קיין קוה,
בוימער — ניט קיין ריהר א פּיצעל
מיט א בלעטיל אויף די צווייגען,
ניט קיין שארך און ניט קיין קריצעל —
אלע הארכען זיי און שווייגען! 3)
פון דער חתונה די ווינדער
דערצעהלען טאטעס נאך די קינדער.
אז דער חתן האט די כּלה קוים בעדעקט,
און ווי עס האט זיך נור די חתונה געענדיקט,
דאט, מחמת כּמה וכמה זאכען,
דער אלטער פאטער, אונזער מחותּן,
א ריינע ווייטליך באלד צומאכען,
דעם יונג פאר־פאלק שוין אנגעמוטען.

אַ פִיהרֶער יוּדלֶען גִיט עֶר מִיט,
…יים הָאט אִין וֶועג אִיהם אָבְּגֶעהִיט.
…על רַייזְט אִין ווִיסטֶע עֶרטֶער,
צְווִישֶׁען ווִילדֶע מֶענשֶׁען, פִיעל
אִין דְר׳וֶועלְט גֶעוֶוען, וואוּ סְ׳הָאט אַנ׳עק
אוּן אָנגֶעוֶועהן כָּל־מִינֵי שְׁלֶעק –
דֶעם פֶּעטֶער עֵשָׂו, אִי דֶעם טָאטֶער,
דָאס גוּטֶע פֶּעקִיל ווִילדֶע בְּרוּאִים;
אִי שְׁלַאנגֶען, אִי דֶעם פִּיפֶּערנָאטֶער,
אוּן אוֹיסגֶעשְׁטַאנֶען פִיל עִנוּיִים.
אַז עֶר אַ צַייט אִין רַייזֶען הָאט פֶערבְּרַאכְט,
אוּן גוּט זִיךְ אָבְּגֶעגַאנגֶען זַיינֶע פִּיס,
פוּן וֶועג צֶעבְּרָאכֶען, אָבְּגֶעשְׁלַאפְט, פַערשְׁמַאכְט,
בֶּעקוּמְט פוּן פָאטֶער עֶנְדלִיךְ עֶר אַ גְרִיס,
עֶר לָאזְט אִיהם בֶּעטֶען, גָאר אָהן שִׁיהוּת
אַ הֵיים צוּקוּמֶען פוּן דִי נְסִיעוֹת.

## ה

אַ נייער מענש, מיט האַרץ, מיט מוח
פון פיל געניטקייט, וואָס רידט בעקוועם,
אַ פרייער מענש, מיט מוטה, מיט כח,
איז יודעל פונים וועג געקומען.
ער גלייכט זיך אויס די מידע ביינער
ביי איהם אין נחלה, וואונדער־שענער,
ער וועהלט זיך אויף אַ כארג אַנ׳אָרט,
און בויט זיך אויס אַ פּאַלאַץ דאָרט,
אַ „געטליך״ שען געביי, אַ „בחיר״,
מיט וועלכעם פלעגען לייט זיך בעזעצען,
געשטאַנען אָפען איז די טהיר
און פריי געוועזן פאַר יעדען מענשען.
ס׳האָט יודעל מיט דעם ווייב צופרידען
געלעבט כדת משה און די אידען.
ער האָט מיט ווירטשאַפט זיך בעשעפטיגט,
און ס׳האָט די אַרבייט איהם געקרעפטיגט.
געוועזן ביי איהם איז ניט קיין סברא,
אַ יוד וואָס איז אַ בעל־משפחה,
דערצו אַ נגיד, אָהן עין־הרע,
ער זאָל זיך שעמען מיט אַ מלאכה,
און לעבען אויף אַזאַ מין אופן:

זיך מענשען גלייך ווי פיה צו קויפען
צו מאכען זיי פאר זייגע קנעכט,
וואס האבען ניט קיין מענשען־רעכט
זיי זאלען ארבייטען ווי רינדער,
מיט ווייבער זייערע און קינדער,
נישט קענען שטעמען פונ׳ם יאך,
נישט עסען, וואוינען אין א לאך,
און אליין פערגעסען זיך א שיק,
פרעסען זייער מיה און ווערען דיק.
קאכען זיך א היהנערש יאייכעל,
טרינקען וויין און גלעטען ס׳בייכעל,
אומגעהן שטענדיג שלינג־און־שלאנג,
זויפען, שכור׳ן וואכענלאנג,
אין דער וועלט צו גארנישט נוצען,
גוט נאר פרעסען און זיך פוצען —
און נאך מיינען, אז ער איינער
איז ביי גאט, און מעהר ניט קיינער.
קיין קאמפלימענט, חלילה, מאכען,
,עהאסט האט יודעל אט די זאכען!
ער, אמת, האט דעם ווייב צו דאנקען,
פאר זייגע איידעלע געדאנקען.
„מענש! – איהר ווארט געווען איז שטענדיג –
ס׳האט בעשאפען גאט דיך אין זיין בילד,
דריבער זיי־זשע דו פארשטענדיג,
און ניט ווי א בהמה גראב אי ווילד.
האב יענעם ליעב ווי זיך אליין,

דרין בעשטעהט די גאנצע תורה,
איין אונטערשיעד פון גרוים און קליי
צו מאכען איז א זינד א מורא.
מענשען האבען דאך איין פאטער,
אי דער יוד, דער טערק און טאטער
פריץ, פויער, האר און שקלאפען
האט איין גאט צוגלייך בעשאפען.
דעריבער זאלסטו לעבען פיין,
און מיט יעדען מענשען מטיב זיין.
צו דיין קנעכט און זיין געזינד
זיי ווי א פאטער צו א קינד.
לאז וואוינען פריי ביי דיר דעם גר,
און דאס לעבען איהם ניט מאכען שווער,
זאלסט ניט קוועטשען איהם, ניט דריקען,
זאלסט אין „געטא" איהם ניט שטיקען.
זיצען לאז ער רוהיג שטיל
אומעטום נור וואו ער וויל.
לאז פאר היגע אי פאר פרעמדע,
אי פאר ארם, אי פאר רייך,
איין געזעץ ביי דיר און משפט
זיין פאר אלע זאל ער גלייך.
פיהלען מענשען זיך נאר פריי,
דינען זיי דעם לאנד געטריי".
יודעל הערט די קלוגע רייד
און איז מקים זיי מיט פרייד.
ער אקערט, זייהט זיך זיינע פעלדער,

ער פְלַאנצְט אויךְ וַויינְגֶערטנֶער און וֶועלדֶער.
דְרַיי וַאכֶען, זַיילֶען פון דֶער וֶועלְט,
אויף וֶועלכֶע פֶעסט זִי איז גֶעשְטֶעלט:
אַרבֵּייט, לֶערנֶען, חֶסֶד טָאן,
זַיי גֶעהֶען שְטַארק בַּיי יודלֶען אָן.
גֶעוֶוען זַיין שְטֵייגֶער איז פון אַלטֶע צַייטֶען,
אַרָאבצוּנֶעהמֶען, מַחֲמַת גְרוֹיס רַחֲמָנות,
אַ צֶעהנְטֶע טֵייל פון אַלֶע זַיינֶע תְּבוּאוֹת 4)
צוּ שְפַּייזֶען אֲרִימֶע, יְתוֹמִים און אַלְמָנות. 5)
בִּזְכוּת זַיין גוּטְסְקַייט, פְרוּמְקַייט און מְלָאכָה,
אַרַיין אין אַלסְדִינְג איז אַ מַזָל-בְּרָכָה.
דֶער אַלטֶער טַאטֶע, אוּנזֶער פַיינֶער מְחוּתָּן,
פְלֶעגט זַיין אַנ'אָפּטֶער גַאסְט בַּיים זוּהן דֶעם גוּטֶען,
אין פַּאלַאץ אַיינְשְטֵעהֶן אין דֶעם בֶּעסְטֶען חֶדֶר, 6)
און דָארטֶען בְּרֵייטלִיךְ זִיךְ גֶעמַאכְט דֶעם סֵדֶר;
מִיט פְלֵייש, מִיט וַויינֶען, און ווי וַוייט מֶען קֶען,
גֶערוֹיכֶערט הָאט מֶען נָאךְ דֶערצוּ מִיט קְטוֹרֶת. 7)
אַ טַעַם גַן-עֵדֶן הָאט מֶען דְרִין גֶעפִיהלְט,
אַ גְרוֹיס קַאפֶּעלְיֶע הָאט דֶערבַּיי גֶעשְפִּיעלְט, 8)
אַזֶעלכֶע, וָואס מֶען הָאט נָאךְ נִיט גֶעהֶערט,
גֶעמֶעגט נָאךְ אָבגֶעבֶען אִי הַיינט קָאנְצֶערט.
עֶס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען דִי וֶועלְטבֶּערִיהמְטֶע זִינְגֶער
דֶער עוֹלָם הָאט גֶעלֶעקְט פון זֵיי דִי פִינְגֶער.
ס'הָאט בְּטֶבַע יוֹדֶעל גְרוֹיס גֶעפִיהל
צוּם זִינגֶען און צוּ כְּלֵי-זֶמֶר-שְפִּיל.
צוּ הֶערֶען איז אַ גְרוֹיסֶער פֶערגְנִיגֶען

די זמירות זיינע מיט א ניגון.
זיין זאגען טראפ, זיין דרעהען דרגא תביר,
צוגעהט זיך הערענדיג אין יעדען אבר.
דער אלטער האט געקוקט אויף זיינע קינדער,
געקוואלען גאר פון יעדען קינד בעזונדער.
און קוקענדיג געזאגט, און שטארק געקוועלט—
ס'פאר-פאלק מיינס איז דאך טאקי איינס אין וועלט.
מיין יודעלע, פון מיינע זיהן דער קלענסטער,
איז צווישען זיי דער קליגסטער און דער שענסטער.
וואס עס איז ביי איהם אין נאגעל
האבען זיי עס ניט אין קאפ,
פאר א טעפיל לינזען קויפט זיי
יודעל מיט זיין שכל אפ,
מיט'ן קעפיל וועט ער מיט דער צייט,
אין דער וועלט אנשפארען וועט ער ווייט.
פארוואַרפען מעג ער ווערען ווי א בלעטיל,
נישקשה, יודעל וועט בעשטעהן זיין שטעדטיל!
דא וועט מען טרעטען איהם זיך אויפ'ן רוקען,
און דארטען וועט מען זיך צו איהם גאר בוקען.
אט מיינט מען, דוכט זיך, אז ער פאלט אנידער,
גאר פלוצים הויבט ער זיך און שטעהט שוין ווידער.
ס'טשערעטיל בויגט אזוי זיך פאר'ן ווינד,
ווערד שטיל, דאן הויבט ער זיך צוריק געשווינד.
אקעגען זשע א דעמבען-בוים, א דיקער,
בויגט איהם דער ווינד, צעברעכט ער זיך אויף שטיקער.
אויב די וועלט געגליכען איז צו א מאשינע,

איז טאקי יודעל-לעב דארט די ספרונזשינע,
וואס ציהט זיך איין און ציהט זיך אוים אויך לאנג,
בעוועגט, עס זאלען געהן די רעדער זייער גאנג.
ער איז צוגלייך אי הארט אי ווייך ווי טייג,
ווי אייזען פעסט און קען זיך טהון א בייג.
דאריבער מעג מען דריקען איהם אין קארק,
און ער וועט אייביג בלייבען פריש און שטארק.
אמאל וועט דאכטען זיך, אט געהט ער אוים,
ער אבער פון סכנה וועט ארוים,
און איבערלעבען יענע פיינע לייט. 11)
אט וואס מיין יודעל איז, וואס ער בעטייט!
אויפ'ן פייער ניט פערברענט וועט יודעל ווערען, 12)
פרובפערען זאל ער זיך נאר און מעהרען.

## ד

מַיין יוּדֶעל אִיז אַטַאטֶע בַּאלד גֶעוָוארֶען,
אַטָאכטֶער הָאט זַיין וַוייבּ לְמַזָל אִיהם גֶעבָּארֶען.
גֶעבְּלִיבֶּען אִיז בַּיים גַאנְצֶען הױזְגֶעזִינד
אַנָאמֶען „מִינדֶעל״ *) הֵייסֶען זָאל דָאס קִינד.
דָאס קִינד אִיז קְלֵיינֶערְהֵייט גֶעלֶעגֶען זֵעהר שְׁטִיל,
„פַארבָּארגֶען״ שְׁטַארק גֶעוֶוען אִין קִישֶׁענס פִּיל,
פוּן אַגוּטֶען אוֹיג הָאט מֶען עֶס אָבּגֶעהִיט,
צְווִינגֶען און צוּזָאגֶען הָאט מֶען גֶעהַאט דֶערמִיט.
מֶען הָאט גֶעשַׁייט זִיךְ שְׁטַארק, חָלִילָה־וְחַס,
אַרױסצוּטְרָאגֶען עֶס אַמָאל אִין גַאס.
עֶס הָאט דֶערמִיט גֶעניַאנטשֶׁעט זִיךְ רֶבּ אִידֶע׳
פֶערוִויגט עֶס מִיט זַיין אַלט־בֶּעקַאנטֶען לִידֶעל:
„אוּנטֶער מִינדֶעלֶעס וִויגֶעלֶע
שְׁטֵעהט אַקְלָאר־וַוייס צִיגֶעלֶע.
וָואס אִיז דִי בֶּעסטֶע סְחוֹרָה?
מִינדֶעל וֶועט לֶערנֶען תּוֹרָה.
„סִתְרֵי תּוֹרָה״ לֶערנֶען,
„דְרָשׁוֹת וֶועט זִי זָאגֶען,

ספרים וועט זי שרייבען,
גוט און פרום תמיד בלייבען.
אז ס׳האט ביי׳ם קינד זיך אויסגעשניטען ציינדלעך,
גלייך האט עס אנגעהויבען מאכען חנדלעך.
וואס מעהר עס איז געקומען אין די יאהרען,
האט עס זיך מעהר אלץ אויפ׳ן לייב גענומען.
פלעגט ווארפען זיך ביי יודלען אויף די הענט,
און מאכען חנדלעך ווי נאר ס׳האט געקענט.
ווי יודעל האט געמעגט בעשעפטיגט זיין,
איז מינדעל פלוצלים אינדערמיט אריין.
זי פלעגט איהם שיטען, נאר ווי פון א זאק,
אלץ נייע זאכען עפּים גאר א פאק,
וואס האבען, כפי מען פלעגט שטארק רעדען,
גענומען זיך צו איהר פון ווידען.
דאס הייסט: גאנץ קלאר פון איהם געהערט
דאס אלעס וואס ער נאר דערקלערט, [13]
האט זי געהאט אין זיך דעם כח,
אריינצונעהמען זיך אין מוח.
זעהענדיג דעם רב אין קליידעל
פלעגט דער ווידע טאן א זאג:
„נאט א ביסעל איך א מיידעל!
קלוג איז זי דאך ווי דער טאג.
פאר אזויפיל קענען, ווייסען,
מעג זי ניט „חכמה״ הייסען?
קיין בייזע אויג זאל איהר ניט שאטען,
זאל זי זיך עלטערן ביי׳ם טאטען,

מיט איהר מוטער, טאַקי ביידע!"
אַט וואָס ס'האָט געזאָגט דער זיידע.
געהאַט האָט מינדעל אַ זכּרון,
געדיינקט אַלסדינג פון תּרח'ס יאָהרען,
אַלסדינג וואָס האָט זיך נאָר פּאַסירט,
ווי די אָבות האָבען זיך געפיהרט, –
געטרונקען וואָס און וואָס געגעסען,
מנהגים וואָס מען האָט פאַרגעסען,
דערצו נאָך זאָגען אויך אַ וויצעל
און טאָן דעם טאַטען גוט אַ קיצעל.
אַמאָל פּלעגט יודעל זיך צולאַכען
ביים הערען איהרע אַלע זאַכען,
אַמאָל טאָן אָבער ביז אַ היק,
אַבבאָדען זי אין „קראַטקע וויק".
„יודעל! – זאָגט דער פאָטער–לאָז זיך דינגען,
אַראָב איז מינדעל נישט פון זינען.
ווייזען וויל איך דיר ביצייטען
אַט די זאַכען וואָס בעטייטען.
איידער מ'האָט פון שריפט און ביכער
געוואוסט, האָט מען געוואָלט זיין זיכער,
אַז געדאַנקען און נאָך גרויסע זאַכען,
אַמאָל וואָס פּלעגט אין לאַנד זיך מאַכען:
דהיינו צרות, קריינק און ליידען,
אָדער שמחות גאָר און פריידען,
נסים גרויסע און פיל וואונדער,–
זאָלען איבערגעהן צו קינדער;

דְרִיבֶּער הָאט גֶעמוּזט בַּיים עוֹלָם בְּלַייבֶּען
עֶם מִיט אַיין אַנדֶער מִיטֶעל צוּפֶערשְׁרַייבֶּען.
אִין גֶעבַּייעֶן, שְׁטֵיינֶער גַאנצֶע קוּפֶּעס, 14)
בִּילדֶער, דֵענקמָאלֶער, אוּן סְלוּפֶּעס, 15)
אִין עֶסֶען, טְרִינקֶען, אִין דֶעם אַרט פוּן דֵענקֶען,
אַרַיינגֶעבְּרַאכט הָאט מֶען אַלסְדִינג.
סְ'הָאט גֶעמַאכט מִצְרַיִם פִּירַאמִידֶען,
אוּן מַצֵבוֹת שְׁטֶעלֶען אוֹיךְ דִי אִידֶען. 16)
מַצוֹת, לְמָשָׁל, אוּן דִי אַרְבַּע כּוֹסוֹת,
מָרוֹר, כַּרְפַּס אוּן חֲרוֹסֶת,
זִיצֶען שְׂרָרֶה'ס אָנגֶעלֶעהנט בַּיים סֵדֶר,
טַלִית, תְּפִילִין, נָאךְ אַזֶעלכֶע קְלֵיידֶער –
דָאס אַלסְדִינג, וָואס יוֹדֶען, זָאג אִיךְ, מַאכֶען,
אִיז עֶם לְזִכָּר פוּן הִיסטָארְיֶע-זַאכֶען.
צֶערֶעמָאנִיֶעס פוּן אַ פָאלק אוּן דִינִים
הָאבֶּען פִיל כַּוָונוֹת אַלֶע מִינִים.
יֶעדֶער מִנְהָג אִיז אַ וַוייטֶער קוֹל
פוּן דָאס, וָואס סְ'אִיז גֶעשֶׁעהֶן אַ מָאל.
אִיז אַ מֶענְשׁ פוּן יֶעדֶער נֶאֱמָנָה
מְקַיֵים וֶועלכֶע-סְ'אִיז נָאר זַאבַּאבָאנֶע,
הֵייסט, אִין מַעֲשִׂים עֶם צוּ וֶועלֶען
פָאלקס-גֶעשִׁיכטֶע פָארצוּשְׁטֶעלֶען.
יֶענֶעמס מִנְהָג, יֶענֶעמס דִין,
הָאט פַאר'ן צְווייטֶען פָאלק קַיין זִין,
סְ'אִיז אִין זַיין גֶעשִׁיכטֶע גָאר אַ פְרֶעמדֶע בְּלֶעטֶעל,
וִוי אִין חוּמָשׁ סְ'אִיז פוּן גְרֶעט אַ צֶעטֶעל.

היינט פארשטעהסט-דו שוין, פאר וואס די ביבעל
אויף אזוינע זאכען האט פאראיבעל?
זיך אין יענע בגדים קליידען,
וועלכע ס'טראגען פעלקער-היידען, 17)
גאלען בערד און שערען ווי זיי פאות, 18)
הייסט עס אנצונעהמען זייערע דעות.
אז געשיכטע איז אין מנהג גווען בעהאלטען,
דענסטמאל האט דער עולם הייליג איהם געהאלטען,
מ'האט נאך אי געהייסען חכם, חרץ,
אלא ניט, געהייסען: בור, עם-ארץ.
אנגעהויבען אבער אז מען האט צושרייבען,
און מנהגים שוין אין תורה אויפצוקלייבען,
הערט וואס ווייטער „תורה" מיט די צייטען
גרעסער פיל פאר „מעשה" שוין ביי לייטען.
מענשען האבען תורות, ביכער
איידער מאן איז לערנען גיכער
מנהגים פיל אין לויף פון יאהרען,
האבען זייער טעם פערלארען,
בלייבען ווי א גוף אהן א נשמה לער,
פיל געלערנטע האלטען זיי ניט מער.
קען דען יעדער זיך אבגעבען
מיט ביכער שטענדיג גאר זיין לעבען?
איז רעכט מנהגים אונטערהאלטען
כדי דעם פאלקס-גייסט צודערהאל'טען,
ס'איז „עבודה ה'", וואס מיט גייסט, נישט גאר קיין צרה
אהן דעם, ועהסט-דו, איז זי אנ'עבודה זרה

ס'וועט אַ צייט נאָך, פיהל איך, קומען שפּעטער,
וועלען קינדער קליגער האַלטען זיך פון פּאַטער.
ביכער וועלען גאר די וועלט פאַרפלייצען
און אַראָפּ־אַראָפּ פון זיך די לייצען!
חכמה דענסטמאל וועט אין אַלע ערטער
ניט בעשטעהן אין מעשים, נאַר אין ווערטער.
בילדונג וועט בעשטעהן אין ביכלעך קוקען,
לעדיג וועט דער קאָפּ זיין, ס'האַרץ וויסט טרוקען.
מענשען, דאכט זיך, קענען, ווייסען פיל,
און ניטאָ אין זיי קיין שום געפיהל.
גרינג אַוועקצומאַכען וועט זיין יעדע זאך,
וואס פאַרשטעהן איהר טעם איז דאָס קעפּיל שוואַך.
איינער אין אַ ביכעל חאַפּען וועט אַ לעק,
אויף דער גאַנצער וועלט שוין שפּייען וועט ער קלעק.
חכמה געהן צווזוכען ווייט,
און חכמים צובעדינען; *)
פון געניטע אַלטע לייט
ראטה אין לעבען צוגעפינען,
און פון זייער מויל עס הערען —
דאָס איגנאַנצען וועט אויפהערען.
אַ לעבדיג וואָרט און רבי'ס, זיי אינאיינעם,
וועט דער טויטער אות פערבייטען —
אַבּי ניט פאַר אַלטע, ניט פאַר קיינעם!
זיין וועט דענסטמאל „משיח'ס צייטען.“ **
און דאגעגען משונה־ווילד געפיהל
וועט זיך מאכען ברייטליך אויף די ספּיל.

וועלכען מנהג נאר מען וועט געפינען,
וואס נישטא גאר קיין שום טעם דרינען,
מעגליך אפשר פון א פרעמדער אומה,
היט מען אפ איהם שטארק מיט גענג די קרומע.
איינער אין א ספר האט זעהר קלוג געשטעלט,
אויף תורה און עבודה שטעהט די וועלט. 19
מיט „עבודה" מיינט מען: זאכען פון א נאציאן,
פון היסטאריע אדער פון זיין רעליגיאן,
פראקטיש טאקי מקיים זיין אלסדינג,
ניט נאר דיינקען, ריידען מיט דער צינג.
יעדער חכם קוקט זעהר טיף און וויים,
זאגט א קלוג ווארט צו דער רעכטער צייט.
שרייבער הויבט מען דענסטמאל אן צו ווערען, 20
ספרים הויבען אן זיך צופארמעהרען.
וואס, א שטייגער, זאל זיין גרעסער מעהר,
„תלמוד" אדער „מעשה"? ווערט א קלער. *)
קורץ און וועניג זענען מיינע רייד,
ס'טהוט דארויף אפילו שטארק מיר לייד,
נאר דו האסט א קעפיל דאך, נישקשה,
וועסט-זיך שטויסען און פארשטעהן מיין דרשה.

# ה

מִיר ווִינְשֶׁען: יודֶעלם שְׁטַאנד אִין יֶענֶע יָאהרֶען
אויף אַלֶע גוטֶע לַייט גֶעזָאגט גֶעוָוארֶען!
אויף גָאר אַ הויכֶע שְׁטופֶּע גְ׳וֶוען גֶעשְׁטֶעלט,
גֶעהַאט כָּל־טוב, אַ נָאמֶען אִין דֶער וֶועלט,
פִּיל מֶעהר נָאךְ ווִי אַלֵיין עֶר הָאט בֶּעגֶעהרט.
עֶס הָאבֶען זַיינֶע פִּיה זִיךְ שְׁטַארק גֶעמֶעהרט,
סְ׳גֶערָאטֶען תְּבוּאוֹת שְׁטַארק אִין זַיינֶע גִיטֶער,
גֶעבָּאדֶען הָאט עֶר זִיךְ אִין מִילךְ, אִין פִּיטֶער.
זַיין וַוייבּ אַ דִימֶענט און אַ פְרוֹי אַ שֵׁענֶע,
אַ ווִירטִין אִין דֶער וֶועלט אִיז זִי גָאר אֵיינֶע.
עֶס אִיז גֶעוֶוען מְחַיֶה צוּ פַארזוכֶען
דִי קִיכְלֶעךְ אִיהרֶע און פַאנקוכֶען. 21)
אִיהר חַלָה, „נָא״—דֶעם הַאלבּגֶעבְּרָאטֶען 22)
בַּיי קֵיינֶעם נִיט אַזוֹי גֶערָאטֶען.
אִיהר קִיךְ, אִיהר פְּלִיטֶע, אִיהרֶע פֶּעסֶער,
דִי טֶעפּ און לֶעפֶּעל, גָאפֶּעל, מֶעסֶער, 23)
אִיהר נֵייעֶן, שְׁטִיקֶען, קֵייטֶעלשְׁטִיכֶעל,
סְ׳פָּרֹכֶת, פַארטוּךְ און בְּרוּסטשְׁטִיכֶעל, 24)

פֿאַרנומען האָבען זײ די אויגען,
געשײַנט און ס'האַרץ צו זיך געצויגען.
דעם פּאַלאַץ האָט זי וואונדער־שען געציערט,
אין אַלץ אַ סדר אײַנגעפֿיהרט, (25
איז אָרמע, קראַנקע ג'ווען אַ מאַמע,
ערנסט טאַקי, נישט ווי היינט אַ דאַמע.
געמאַכט זיך האָט זי צום געזעץ
צוהײלען מכות, קרײַנק און קרעך (26
בײַ אַלע מענשען אין איהר אָרט,
געווען אַ תּורה איז איהר וואָרט.
וואָס דאַרף מען, דאַכט זיך, בעסערס אויף דער וועלט?
לעב, יודעל, לעב און אַרבײַט, זאַמעל געלט!
אַזוי זײַן וואָלט בעדאַרפֿט, געווען גאָר גוט,
עס זאָל דער מענש ניט זײַן קײן פֿלײש און בלוט;
עס זאָל בײַם מענשען גוף און נשמה
נישט האַלטען צווישען זיך מלחמה;
דער פּלאַטקע־מאַכער, יצר־הרע,
דעם מענשען זאָל ניט טאָן אַ טאַרע,
נישט איהם צואונטערהידען אַלע צײַט,
אין בלאָטע ניט ביז'ן האַלז פֿאַרפֿיהרען ווײַט,
ניט אויף איהם אָנצורײצען אַלעמאָל
די תּאוות ברענענדיגע אָהן אַ צאָהל.
וואָס מעהר דער מענש ווערט גרויס און רײַך,
ווערט גרויס זײַן יצר־הרע צוגלײַך.
ווען יודלען שפּילט דאָס גרויסע גליק,
דער שטן וואַרפֿט אויף איהם אַ בליק —

עֶס הָאט מִיט דֶעם און נָאךְ אַזֶעלכֶע נֶעמֶען
דֶער יֵצֶר־הָרָע נִיט וָואס זִיךְ צו שֶׁעמֶען –
גֶעטָאן אַ בְּלִיק, נִיט לַאנג גֶעדַאכט,
מִיט יודֶלֶען קֶענטשַאפט בַּאלד גֶעמַאכט.
וָואס וַוייטֶער אִיהם גֶעטָאן אַ טַאפּ,
מִיט אִיהם גֶעוָוארֶען חַבֶר־לַאפּ.
פְּלֶעגט אָפט מִיט יודֶלֶען טְרַייבֶען שְׁפַּאס,
שְׁפַּאצִירֶען שְׁלֶעפֶּען אִיהם אִין גַאס.
דֶער שָׂטָן הָאט צום שְׁפַּאס אַ צִינגֶעל:
– פֶּע, יודֶעל! – זָאגט עֶר – בִּיסט אַ יונגֶעל.
צופִיל לִיגסט דו אונטֶער'ן וַוייבס פַאנטָאפֶל,
ווִי מַיין נָאמֶען, כ'לֶעבֶּען, אִיז מְ'פִּיסטָאפֶעל! 27)
הָאסט אַ'אַנדֶער פָּנִים גָאר בֶּעקומֶען,
זִינט דו הָאסט דַיין שֵׁענהַייט דִיר גֶענומֶען.
וָואס אִיהר ווילט זִיךְ טְהוט זִי עֶס מִיט דִיר,
לָאזט דִיךְ נִיט אַרויס, נַאר, פון דֶער טִיר,
לִיג און קוק נִיט אָן דִי בְּרֵייטֶע וֶועלט, 28)
טְהו נָאר אַלץ וָואס אִיהר גֶעפֶעלט,
אִין עֶסֶען, קְלֵיידֶען אַלץ נָאר ווִי זִי ווִיל, 29)
נִישט רֵעד קַיין וָוארט, פָּאלג זַא און שְׁטִיל!
פְּרֶעג אִיךְ דִיךְ נָאר, קוּמט אַרויס דֶען אִיהר אַ סַךְ
אָט דֶערפון, וָואס טְרָאגסט נִיט, עֶסט נִיט יֶענֶע זַאךְ? 30)
סְ'אִיז נַארִישקַייטֶען! לויטֶער נָאר קַאפְּרִיז,
אַזֶעלכֶע זַאכֶען קֶענֶען מַאכֶען קְרַאנק אַ רִיז.
שׁוין לַאנג הָאב אִיךְ גֶעהֶערט, דֶער עוֹלָם ווִי עֶר לַאכט
אַז פון דִיר אַ קָאטֶער הָאט דַיין וַוייב גֶעמַאכט.

פון דֶער וֶועלט דִיךְ הָאט זִי אָבגֶערִיסֶען,
וָאלסט פון קֵיינֶעם אוֹיסֶער אִיהר נִיט וִויסֶען.
עֶרגִיץ נִיט דֶערוֶועגֶען זִיךְ צוּגֶעהן,
נִיט צוּזֶעהן, חָלִילָה, וָואס אִיז שֵׁען.
כְּ׳וַוייב, וָואס זִי פון אַלֶע וִויל זַיין בֶּעסֶער,
יֶענֶעמס שֵׁענקַייט שְׁטֶעכט אִיהר וִוי אַ מֶעסֶער.
און אַלֶעם וָואס דוּ הֶערסט פון אִיהר,
תּוֹרַת-לָאקשֶׁען אִיז בַּיי דִיר.
פְּרֶעג דִיךְ בְּחֵרֶם יֶענֶע שֵׁענֶע זַאכֶען,
וָואס דִי מַייסטֶערס און דִי קִינסטלֶער מַאכֶען. (31
וֵוייסט פון שֵׁענס נִיט אִי קֵיין פִּיצֶעל,
פֶע, דוּ בִּיסט אַ לַאפֶּענמִיצֶעל!
הָאבּ קֵיין פַּאראִיבֶּעל נִיט אויף מִיר,
וָואס אִיךְ רֵעד אויף דַיינֶער, שְׁפָּאט פון אִיז״ד.
צְווִישֶׁען אונז גֶערֶעדט, מַיין יוּדֶעל לִיבֶּער,
שַׁא, וָואס נֶעהמט זִי דָא אַזוֹי זִיךְ אִיבֶּער?
מוֹידוַייז הָאט מֶען זִיךְ מִיט אִיהר אַרוּמגֶעשְׁלֶעפּט,
וואוּ אַ חָתָן הָאט זִי זִיךְ צוּ אִיהם גֶעקְלֶעפּט,
אויסגֶעלָאזֶען הָאט זִי נִישט קֵיין אֵיינֶעם,
נִיט גֶעפֶּעלֶען אָבֶּער אִיז זִי קֵיינֶעם.
אָבגֶעוַואשֶׁען פון אִיהר הָאט מֶען זִיךְ דִי הֶענט
אויסגֶעדְרֵעהט זִיךְ וַוייט וִוי נָאר מֶען הָאט גֶעקֶענט. (32
מְ׳הָאט דֶעם וואונש פֶּערשְׁטַאנֶען אִיהרֶען,
יֶעדֶען בַּיי דֶער נָאז צוּפִיהרֶען.
און דוּ מַאכְי, לָאז נִיט זַיין דִיר צוּ קֵיין גְנַאי,
שֶׁעם זִיךְ נָאר נִיט, נֶעהם אִיךְ אויס מִיט דִי אַ תְּנַאי,

טַאקי, יודֶעל, מְחִילָה, זָאג איך דָא גַאנץ פְרַיי,
הָאסט־דו ניט גֶעוָואלט דֶען טָאן אויף איהר אַ שְׁפַּיי?
הָאסט־דו קָאפּ אין קִישֶׁען פְרִיהֶער זיך גֶעקְלַאפּט,
זִיך צוּ איהר גֶע׳שַׁדְכֶ׳נט בִּיז לְסוֹף זִי דֶערטַאפּט!
גֵיין! גֶענוּמֶען הָאסט־דו זִי אַבִי נָאר – אַט,
וַוייל גֶעגֶעבֶּען הָאט דֶער טַאטֶע דִיר זִי גְלַאט.
הֶער נָאר, זָאגט דֶער טַאטֶע, הֶער, יוּנגַאטשׁ,
גֶעהם זִי! זִיסט, דֶערלַאנג איך דִיר אַ פַּאטשׁ. 33)
איך נֶעהם, איך הֶער! – עֶנטפֶערסט־דו צוּמִישְׁט, 34)
גֶעהַאט חֲתוּנָה און דִי רוּט גֶעקוּשְׁט.
ווִי אַ חָכָם, בְּ׳לֶעבֶּען, זָאג איך גוּט,
דַיינֶע טַאקִי אִיז אַ גוּטֶע רוּט.
צִיטֶערסט, יודֶעל, פַאר אִיהר קַאנטשִׁיקֶעל,
אוֹי, אַט נֶעהמט דִי מַלְקוֹת זִי אַפִּיר!
בִּיסט אַ שֵׁיינֶער יוּנגֶער־מַאנטשִׁיקֶעל.
יודֶעל, אַז אַך און וֵויעה, נַאר, צוּ דִיר!
מֶעגסט, נַאר, אִין דַיין וַוייטֶען הַאלז זִיך שֶׁעמֶען,
זָאג, פַאר וֶועמֶען צִיטֶערסט־דו, פַאר וֶועמֶען?
וֶועסט אַזוֹי דֶען אֵייבִּיג זַיין פֶערשְׁפַּארט?
יודֶעל, זַיי בַּיי דִיר נִיט מֶעהר גֶענַארט!
קוּם אַוֶועק פוּן דַיינֶער טַאקִי תֵּיכֶף,
לָאז זִי לָאדֶען דִיך צוּם נְתַנֶה־תּוֹקֶף!
אִין דֶער וַוייטֶער וֶועלט אַהִין קוּם, בְּ׳לֶעבֶּען,
קוּם אַהִין, ווִי אַלֶע לַייט צוּלֶעבֶּען!
קוּם אויפ׳ן פֶעלד אַרוֹים פוּן שִׁימֶעל,
דַיינֶע אוֹיגֶען הֵייבּ צוּם הִימֶעל.

זֶעה זון, לְבָנָה, שְׁטֶערֶען פונדֶערוַוייטֶען,
ווי זֵיי גֵעהֶען פְרַיי און מַאכֶען צַייטֶען. 35)
בְּפֵירוּש זָאג אִיך דִיר דָא אויף־דָאס־נַיי
לְבָנָה, זון און שְׁטֶערְן גֵעהֶען פְרַיי,
וַוייל אִיך וֵויים, דו מֶעגסט מִיר, יודֶעל, גְלויבֶען,
כְּדֵי נִיט לָאזֶען דִיך אַ קָאפּ אויפְהֵייבֶען,
מַאכט מֶען דְרִיבֶער דִיך צום נַאר
אַז ס׳אִיז דָא אַנ׳אויבֶּערהַאר,
אַלֶע אויף דֶער וֶועלט דָא זֶענֶען זַיינֶע קְנֶעכט,
און זִיך צורִיהרֶען פְרַיי הָאט נִיט קֵיינֶער ס׳רֶעכט.
שוין גֶענוג אַ פויעֶר דִיר צוזַיין,
גִיבֶער־זֶשֶע קום אִין דֶער וֶועלט אַרַיין!
מַאכֶען וֶועל אִיך דִיך מִיט מַיינֶע לַייט בֶּעקַאנט,
זֶעהֶען וֶועסט־דו בַּיי זֵיי בִּילְדֶער אַלֶערהַאנט,
אִין דַיין פַּאלַאץ וָואס נִישטָא אִי אֵיינס,
ס׳קומט דָאך נִיט אַרַיין אַהִין קֵיין שֵׁענס!
אַז גֶעפִיהל דַיינס פַאר נַאטור אִיז וֵועניג,
דְרִינֶען מוזֶען מִיר זַיין בֵּיידֶע אֵיינִיג.
בֶּעסֶערסט אָבֶער דו אויס אָט דֶעם פֶעהלֶער,
און מַיין עֵצָה, יודֶעל, וֶועסט־דו הֶערֶען,
וֶוערט דִיר, גַאנץ גֶעווִיס, אִין קֶעפִּיל הֶעלֶער,
און אִין הַארץ גֶעפִיהלֶען אויך מֶעהר חֶערֶען.
אויך וֶועט, אַז דֶעם פֶעהלֶער וֶועסט פַארבֶּעסֶערן,
דִיר דִי צָאהל פַארגְנִיגֶענס זִיך פַארגְרֶעסֶערן.
הָאבֶּען וֶועסט־דו דָארט בַּיי מַיינֶע פְרַיינד דִי קור,
קונצִיג מָאלֶען זֵיי אַלסְדִינג וָואס הֵייסט „נַאטור“ —

בהמות, פויגעל, פיש און אלץ וואס שוועבט,
וואס אויף דר׳ערד, אין לופט און וואסער לעבט. [36]
וועסט דארט עסען „לינקס” נוט אויסגעזאטען,
פיל געשמאקער פונ׳ם ווייבס האלבגעבראטען.
וועסט פערזוכען קאטלעטען פון שוויין, [37]
און פערטרינקען מיט א גלעזעל וויין. [38]
עסען, טרינקען, איז זעהר וויכטיג,
אין די אויגען ווערט גאר ליכטיג.
שענע מיידלעך וועסט־דו זעהן, קארפירע,
זייער קאוואליר זיין און א פיהרער.
ברייגען קווייטען זיי א קרענציל,
חאפען אפט מיט זיי א טענציל.
איטליכס מיידעל איז דיר פאר א קוויט
חאטש די נשמה אבצוגעבען בריט.
ניט פארקרים זיך, יודעל, ווי א צבועק
יפהפיות, כ׳לעבען, זענען יעדען געשמאק.
ווילסט־דו זיין מיט זיי לייבליכע מחותנים,
זאג איך, יודעל, דיר: זיי אנ׳עזות־פנים! [39]
ווייבער האבען ליב דעם, וועלכער איז בערשייט,
חאטש זיי האלטען כלומרשט איהם ניט פאר קיין לייט,
דעם, וואס קען גוט איבער זיי רעגירען,
וואס קען הערשען און ביים נאז זיי פיהרען.
אוי, קען איך די ווייבעלעך מיט זייער חן!
אויפגעגעסען האב איך שוין דארויף די ציין.
דריבער זאג איך, יודעל, איך מ׳פיסטאפעל,
קריך ארויס פון אונטער׳ן ווייבס פאנטאפעל!

## ו.

ודלען האט דער נייער חבר גאר צושרויפט,
ס'האבען זיך אין הארץ איהם תאוות אויפגעהויפט.
אנגעהויבען האט צוקאכען איהם אין ברוסט,
און צו ארבייט איז פערגאנגען איהם די לוסט.
ס'פלעגט דעם ווייבס רייד איהם ניט ארען,
און הויבט גאר אן זי צונארען.
אומטיג ווערט איהם, נמאס איהם די שטוב,
ס'ציהט איהם אין טעאטער שוין, אין קלוב.
דארטען שפילט ער, עסט ער, מאכט א כוסע
מיט אמאל א פלאש וויין, זעהר א גרויסע. (40
מיט חצופות טאנצט ער, זינגט א לידעל
זיך פארגעסען, אז ער איז רב אידעל
ס'האבען איהם פון וויין געברענט די אויגען,
ס'הארץ צו אנדערע האט איהם געצויגען
מיט חצופות אונטער לינדען זיך שפאצירט,
זיך מיט זיי אויף בערג, אין טאלען אומגעפיהרט. (41
איז א ניכטס געווארען, אלץ וואס אין דער קארט,
און געוואלגערט שכור זיך אויף יעדען ארט. (42

וייסט דער שוואַרץ־יאָהר, וואָס איהם איז געשעהן,
נישט דער יודעל גאָר, וואָס איז געוועזן.
פּאַסט אַזעלכעס דען פאַר איהם, פאַר זיין שטאַנד?
וואו איז תּורה, וואו איז זיין פערשטאַנד?
ס'איז פאַרוויסט דאָס ווייב צוהויז געזעסען,
פלעגט אַוועקגעהן און זי גאָר פאַרגעסען.
און דערמאָהנט זיך אין איהר אַט דער פּגע
זיצט ער ווי אויף שפּילקעס נאָר אַ רגע.
יודעל טאַנצט זיך דאָרטען ערגיץ אויף אַ באַל
און איהר, שוא־ציון, פּיקעט זיך די גאַל.
„יודעל ליבער, טייערע נשמה,
בעט דאָס ווייב איהם די חכמה,
וייך די שכנים דיינע, וייך זיי אַט די שלעק,
געה אין זייער וועג ניט, און שפּיי אויף זיי קלעק. [43]
ציג און וואָלף, שאָף און כּלבים,
זענען נישט קיין מקורבים.
כ'בין געוועזן אַמאָל דיר טייער,
ביסט אַ חתן געוועזן אַ טרייער.
האָסט, געדיינקסט־דו, אויף דעם בערגיל דאָרט,
מיך צליבען מיר געגעבען ס'וואָרט.
עדות זענען ערד און הימעל,
די נאַטור מיט איהר געדימעל.
אונז געהאַלטען האָבען זיי אַ ריידע,
גליקליך לעבען ווי מיר זאָלען ביידע.
ביסט קיין מאָל ניט געגאַנגען דו אָהן מיר,
אומעטום מיר ביידע, איך מיט דיר. [44]

וואו נאר איינער, דארט דער צווייטער ניט געפעהלט.
דרום צו טויבען אונז פארגליכען האט די וועלט. 45)
זאגסט פאר ליבשאפט דענסמאל, אידעל,
„שיר השירים”, ס׳שענע לידעל.
און דיין לידעל נעהם איך איצט אפיר,
אט אזוי געזונגען האסט־דו מיר:
שען ביסט־דו, געליבטע מיין, ביסט שען,
דיינע אויגען טויבען, מלא חן.
ס׳הענגען דיר די לאקען פון דעם קאפ,
ווי פונ׳ם בארג גלעד סארנעם אראפ.
דיינע ציין א שורה שעפ׳לעך גלייך!
קלאר־ווייס ביים ארויסגעהן פונ׳ם טייך.
דיינע ליפען — רויטע שנירליך,
און דיין רייד'ען פיין, מאנירליך,
גלייך א מילגרוים דיינע באקען,
דוד׳ס טורם דיין האלז־און־נאקען,
שען געבויט און גלייך געשטרעקט,
מיט פערמייער פיל בעדעקט.
דיינע בריסט צוויי זענען נאר
יונגע הירשעלעך א פאר.
ביסט, ליבכען מיין, אינגאנצען שען,
און פון א מינדסטען פעהלער ריין. 46)
געזונגען האסט־דו עס אזוי, מיין כאן,
ס׳געדויערט אבער לאנג ניט דיין ראמאן.
צוריק קום, יודעל, אה, צוריק צו מיר!
מיין הארץ, מיין הארץ, געליבטער, ציהט צו דיר.

פֶערשְׁוַוארצט בִּין אִיךְ, וִוי אִיהר דָאךְ, מֵיידְלֶעךְ, שֵׁעְן. 47)
גֶעלִיבְּטֶער, קוּם! קוּם, יוּדֶעל, לָאמִיר גֵעהְן!
שְׁפַּאצִירֶען קוּם אוֹיף פֶעלְדֶער,
אִין גֵיינְגֶערְטנֶער אוּן וֶועלְדֶער,
צוּ זֶעהְן וִוי ס׳בְּלִיהט דֶער וַויינְשְׁטָאק, ס׳וַואקסֶען טְרוֹיבֶּען, 48)
אוּן לָאמִיר ווִידֶער לֶעבֶּען וִוי דִי טוֹיבֶּען.
אוּן לָאמִיר ווִידֶער אוֹיפְשְׁטֵעהְן אִין דֶער פְרֵיה.
צוּ פִיטֶערְן אוֹיפֶ׳ן גְרִינֶעם גְרָאז דִי פִיה.
בַּיי דִירְשֶׁען אוּן בַּיי אִינְדֶען פוּן דִי סְטֶעפֶּעס, 49)
בֶּעשְׁוואוּיר אִיךְ אַייךְ, אַייךְ מָאדְנִיצֶעס מִיט שְׁלֶעפֶּעס,
נִיט שְׁטֶערְט דִי לִיבֶּע מִיר, נִיט שְׁטֶערְט מַיין גְלִיק,
נִיט רוֹיבְּט דֶעם מַאן בַּיי מִיר, גִיט אִיהם צוּרִיק!
פַארְווִיסְט בִּין אִיךְ, וִו אַנְדֶערֶע נָאךְ שֵׁעְן.
גֶעלִיבְּטֶער, קוּם! קוּם, יוּדֶעל, לָאמִיר גֵעהְן!"
אָבֶּער נַאר אוּמְזִיסְטֶע מִיה, רֵעד אַהֶער-אַהִין,
עֶפִּיר דֶעם חָתָן וַויינֶענְדִיגְם, עֶר הָאט זַיינְס אִין זִין.

## ז.

וויסט, פארלאזט איז יודעלס שטוב,
טרויעריג ווי אין א גרוב,
אהן אנ׳אויג פונ׳ם בעל־בית און זיין האנד,
ס׳האט געוויינט א שטיין דארט פון דער וואנד.
אין דעם הויז פון יודעלס אלטען פאטער,
איז ווי אין געצעלטען פון א טאטער
קויטיג, שווארץ אלסדינג געווארען,
ס׳פנים האט אלסדינג פארלארען.
נים גערידעוועט זיך האט דארט מעהר.
ניט געטראגען ווי אמאל אהער
אין קיך פון אלע גוטע זאכען,
געשמאקע מאכלים צו מאכען. 50)
עסען, טרינקען וועמען געהט אין קאפ,
פון דער פונקציע אז מען פאלט אראפ?
יודעל עסט ביי פרעמדע, טרינקט דארט אויך,
און פון זיינע קוימענס געהט קיין רויך.
שבת, יום־טוב איז אין הויז פארשטערט, 51)
קיין פרעהליך קול ווערד דארט נישט געהערט.

ס׳איז זיס ליס דעם „אלטען״ צופארזוכען
קיין געבראטענס און ניט קיין פאנקוכען. (52
צער האט ער פון די קינדער,
ס׳קריינקט איהם איטליכם קינד בעזונדער
ס׳פלעגט דאס ווייב אין ווינקעל זיצען שטיל,
תמיד אלץ געזארגט, געדאכט זעהר פיל.
און אויף איהר געלעגער אפט ביי־נאכט
זינגען זיך איהר לידעל שטיל פארטראכט.
אויסגיסען זיך אין דעם לידעל פלעגט איהר הארץ
און בעוואשען זיך מיט טרערען פאר גרוים שמאר
פינסטער, ביטער איז געווען איהר דאליע,
אויפגעהערט צושפילען שוין א ראליע.
האט פארבארגען ערגיץ זיך אליין,
און מען ווייסט ניט מעהר פון איהר געביין.
ביים פארריכטען שפעטער ס׳הויז, דערצעהלט מען נאך
האט מען דארט געפונען איינע אין א לאך.
מען חאפט פאר׳ן קאפ זיך – אוי,
דאס איז רב יודעלס פרוי! (53

דער אלטער פאטער האט געזעהן די צרות
און נים געשלאגען דאך מיט'ן זוהן כפרות.
ווייל דולדען און דערלענגערען דעם צארן
איז איינע פון די מדות זיינע געווארען.
דאס איז א זאך, די שווערסטע אין דער וועלט,
פארטראגען רוהיג זיך צו דעם וואס פעהלט.
צו־זעהן יענעמס פעהלער אויף א האר
קען אפילו נים דער ערגסטער גאר.
די אייג'נע פעהלער זעהט נים קיינער,
אויף זיך א מבין איז נים איינער.
כל־הפסלנות טהוט רב אבא,
און זאגט: האט ליב קיין עולם־הבא.
כל־ימיו צדקה־געלד פארנעהמט רב יאסי
און גנב הייסט ביי איהם דער גבאי מאסי.
קיין הא אין סדור קען נים בעריל ווייזען,
און וויל געפינען אלץ ביי שמערלין גרייזען. —
אז אויף זיך א מבין יעדער וואלט געוועזן,
וואלט אזויפיל לייד נים אין דער וועלט געשעהן.

הערען, זעהן און שווייגען, נישט צוטהאן א לאך
דאס איז מאקי, כ׳לעבען, ניט קיין גרינגע זאך.
יודעלם טאטע אבער האט עס גוט געקענט —
לאנג צושווייגען מיט צונויפגעלייגטע הענט.
דריבער איז ער דאך א חכם גאר אנטיק,
דריבער דריקט דאך חכמה אויס זיין יעדער בליק.
מענשען אויף זיין יודלען האט ער אנגעשטעלט, 54
זעהר בערייטעווידיגע, איינע אין דער וועלט,
מיט גייסט, מיט גרויס געפיהל און מיט א מויל
געלערענטע, און אויף דער פען ניט פויל,
בעהארצטע, וועלכע מאכען ניט קיין שאנדע,
דעם אלטענס חסידים, זיין קאמאנדע.
דעם אמת וואס דערזעהען מיט׳ן בליק.
און וואלטען פאר א מלוכה גיווען א גליק
אט אזעלכע זענען עס געקומען,
און מיט יודלען ריידען זיך גענומען.
„יודעל, ביסט א הולטיי!” טהוען זיי א זאג,
און זיך־בעסערן, וואהרנען זיי איהם אלע טאג,
אפען, ניט פארשטעלט און אויף א קול,
פאלגט ער ניט, איז נאך און נאך אמאל.
רעכנען פון די עלטערן אויס ס׳קאפיטעל:
זיידעס, באבעס, יעדען מיט דעם טיטעל.
זיי דערצעהלען ס׳גרויסקייט איהם פונ׳ם טאטע׳ס
זיינע האנדלונגען און משא־ומתן,
די „פאדריאדען” אין געוויסע שטעלען,
פלייש און מאנעגרייפלעך צוצושטעלען. (55

איז בײַם מאַטען פּונים אױג ס'שװאַרץ-אַפּעל,
העכער שטעהט ער בײַ איהם מיט אַ שטאַפּעל
פֿון די עלטערע פֿערשײַטע קינדער, 56)
יענע שײדט ער אָפּ פֿון זיך בעזונדער,
נאַט אײַך, קינדער, אײַער נדן און פּטור!
און איהם-אײבּיג קעסט זאָגט צו דער פֿאַטער
זײ בײַם קינדערש-שׂכל זיך געבליבען,
און פֿאַר איהם אַרבּין אױסגעקליבען,
װאָס װי ער נימא גאָר אין דער װעלט, 57)
צובעקומען װער פֿאַר גאָר דאָס געלט;
װאָס פֿון מערב און ביז מזרח-זײַט
איז זײַן נאָמען גרױס בײַ אַלע לײַט.
יענע מלמדים, װעלכע פֿון איהם אינגער,
האָבען נישט אין קאָפּ װאָס ער אין פֿינגער
אַלע, מחילה, אָהן שום אונטערשײד,
האָבען איבּערגעקײַט זײַנע רײד;
װאָס זײַן קאָפּ אין הימעל איז געפֿלױגען
און געהאַלטען קלײַן זיך אין זײַנע אױגען; 58)
װאָס ער, זײַנע טעג אין יאָהרען כּבֿר.
האָט מיט יודען נאָר געקנעלט אין הדר.
איהם געלערנט „פּסוק" שאַרף און קלאָר
פֿון די כּדרות נישט פֿאַרפֿעהלט קײן האָר.
און די חכמה גאָטס איהם פֿאַרגעשטעלט.
װי בעשאַפֿען האָט ער אונזער װעלט,
און מיט בּשעפֿניש כּסדר זי בעזעצט —
פֿראַכטע פֿריהער, בעסערע צולעצט. 59)

און דערצו בעשרייבונגען פון לענדער,
שטאף גענוג פאר ספרים גאנצע בענדער.
אויך געזעץ אין מדינה=זאכען,
ווי אין לאנד בעדארף מען מאכען,
אז ווי אין דעם גוף די גלידער,
אויך אזוי די מענשען אין דער מדינה
זאלען זיין, סיי הויך, סיי נידער,
אלע גלייך פריי, קיין שום נפקא=מינה.
קיינער זאל ניט מוחל זיין דאס רעכט,
פע צוזיין א שקלאף, צוזיין א קנעכט! 60)
ווילסט=דו פארט א קנעכט זיין ביי דעם גביר,
שטעה=זשע, הונד, צוגעשמידט צו דער טהיר; 61)
עסען זאל מען מיט דעם שווייס דאס ברויט,
ניט דער זאל זיך פלאגען שטארק צום טויט,
און א פריץ, גרינג אהן מיה,
זאל איהם מעלקען ווי א קיה,
זיך די וועלט פארנעהמען וועלען
און איהם, נעביך, בדלות שטעלען.
ניין, דו פריץ! מוזט פארשטעהן,
אז ניט אייביג איז דיין גליק,
ס'פרעמדע גוט מוז איבערגעהן
צו דעם ערשטען האר צוריק. 62)
אט אזא רבין, רעדען זיי מיט קראפט,
האט דער טאטע, יודעל, דיר פארשאפט.
האבען איהם געשטראפט מיט הייסע ווערטער
מעהר ניט געהן אין יענע שלעכטע ערטער,

צובעגעגען זיך מיט חברים
גראבע יונגען, ווילדע חמורים,
ניט צוקריינקען אט דערמיט דעם אלטען,
וואס האט פון איהם שטארק אזוי געהאלטען,
ניט צוקריינקען אויך דאס ווייב און קינד,
זיינע גוטע פריינד און ס׳הויזגעזינד.
וועט ער די חברים ניט אויסמיידען,
וועט ער פון זיי שפעטער שלעכט אפשניידען.
האפען וועט ער לסוף פון זיי א פסק,
וועלען איהם אריינגארען אין זאק.
העלפען וועט איהם ניט דער טאטער, (63
א שפיי וועט טאהן אויף איהם דער פאטער.

# ט.

נאר אומזיסט די רייד, הוי, וועהגעשריגען!
מעפיסטאסי האט ניט אויך געשוויגען.
אז געוואלט האט יודעל ווערען פרום און גוט,
האט ער היים ווי פייער איהם צוקאכט דאס בלוט,
האט פון זיינע פריינד און זייער שטראף געלאכט, [64]
צו נאראנים און משוגעים זיי געמאכט. [65]
„לויט זיי זאגען, דארף מען זיצען נאר אין קלויז,
אין א לאך בעהאלטען זיך ווי א מויז.
ניט געניסען, האבען קיין פארגניגען,
נאר מיט ציצית, תפילין זיך בעגניגען.
האסען שענע זאכען ווי א ווילדער,
ניט אויף ווייבער קוקען, ניט אויף בילדער.
זיך דם־שונאים זענען גוף און נשמה,
האלטען אייביג צווישען זיך מלחמה
מ'דארף דער נשמה העלפען, איז א סברא,
הערען זאל דער גוף פאר איהר כפרה
ס'איז איין רפואה מאכי, זי צוהיילען,
צובעגראבען איהם אין דר'ערד ניין איילען.

אִיהם צוּגֶעבֶּען פְלֵייש און וַויין-חָלִילָה וְחַס'
אִיז נִיט קְרַאנק צוּעֶסֶען בְּרוֹיט, צוּטְרִינְקֶען קְוַואס.
וָואס בֶּעדַארְף מֶען נָאךְ אַזַא פַיינְד גֶעבֶּען מֶעהר?
גְלִיקְלִיךְ וָואלט דֶער מֶענְשׁ גֶעלֶעבְּט דָאךְ וֶוען נִיט עֶר!
וֶוען נִיט עֶר, פַארְשְׁטֵיעה נָאר, וָואלט גְוֶוען בֶּעסֶער,
דִי מַדְרֵגָה פוּן דֶעם מֶענְשֶׁען גְרֶעסֶער!
הָארךְ נָאר! נְשָׁמָה-וֶועדְלִיג זֵייעֶר שְׁפְּרַאכֶּע-
לִיגט אִין גוּף זִיךְ וִוי אַ טְשֶׁערֶעפַּאכֶּע.
דוּ, זַיי וִוי אַ רוּחַ אוֹיסגֶעדַארט,
קוּק נִיט אָן דִי וֶועלט אוּן זִיטְץ פֶערְשְׁפַּארט.
דֶערְפַאר אִיז דָא בַּיי זַיי אַזוֹינֶע מִיטֶעל,
אוֹיף עוֹלָם-הַבָּא גֶעבֶּען דִיר אַ קְוִויטֶעל.
אִיךְ זָאג אָבֶּער: סְ'אִיז קֵיין בֶּעסֶערְס גָאר נִיטָא
וִוי צוּלֶעבֶּען, וִוי צוּגְנִיסֶען מַאקִי דָא.
אָה! שֵׁען אִיז דִי וֶועלט אוּן דָאס לֶעבֶּען טַייעֶר,
וָואס זַיין וֶועט אַמָאל אִיז נִיט וֶוערְטה קֵיין דְרַייעֶר.
הָאבּ הֲנָאָה, מֶענְשִׁיל, כָּל-זְמַן הָאסְט נָאךְ צַייט,
תְּהוּ דִיר וואוֹיל אַצִינְד אוּן לֵייג נִיט אָפּ אוֹיף וַוייט. 66)
טוֹיט נִיט, נַאר, בַּיים לֶעבֶּען אִיטְלִיכְס אֵבֶר,
כְּדֵי צוּלֶעבֶּען טוֹיטֶערְהֵייט אִין קֶבֶר.
דָא זִיךְ טוֹיטֶען כְּדֵי צוּלֶעבֶּען דָארְט אִין דְר'עֶרְד,
אַט אַזוֹינְס צוּטָאהן בֶּעדַארְף מֶען זַיין אַ פֶערְד.
אֶלָא בִּיסְט אַ פֶערְד, אַ בְּהֵמָה, פָאלְגְסְט דוּ זַיי,
וֶועט אוֹיסְקוּמֶען מַאקִי דִיר צוּקַייעֶן הֵיי.
גוּף אוּן נְשָׁמָה אִיז קֵיין נַפְקָא-מִינָה,
זַיי צוּטֵיילֶען גָאר קֵיין הַוָה-מִינָא.

איז אַלסדינג ווי געהעריג, קלאַפּט די מאַשין,
לאָפּנעט זי, וואו קומט דאָס קלאַפּען איהרם אַהין?
ס'האָט איין חכם מײַנע רייד געדרוקט שוין גאָר, [67]
אפשר שפּאַסט ער, אַרט עס מיך ניט אויף אַ האָר. [68]
ג'נוג, מעהר וויל איך ניט פילאָזאָפירען,
פילוסופיא קען צוגאָרנישט פיהרען.
ווי אַ ג'ניטער וויל איך דאָס נאָר זאָגען,
אַט די לײַט וועד האָט עס אנגעטראָגען
אנצופאַלען בײַז אַזוי אויף דיר,
„דײַנע“ איז עס! ס'וואַקסט אַלסדינג פון איהר.
דײַנע מיט איהר כּבוד, ס'איז גאַנץ ריכטיג,
זי איז טאַקי, מחילה, פּעפּערזיכטיג.
ווי זי זאָגט, איז אין דער וועלט זי איינע,
און דאָך אַרט זי עפּיס־נאָר אַ שיינע!
ווייס ניט, זאָגט זי, פון אַ וועלט צוזאָגען,
קוק ניט וואו דאָס האַרץ און אויגען טראָגען.
און דו אָבער זײַ ניט קיין פאַנטאָפּעלמאַן,
זיצען ווי אַ גאַנז אין שטייג איז ניט קיין פּלאַן.
דו זאָלסט איבער איהר רעגירען,
גיט זי בײַ דער נאָז דיך פיהרען.
זײַ קיין נאַר ניט, פּע די מרה־שחורה!
ב'לעבען, יודעל! האָב פאַר איהר ניט מורא,
אונטער לינדענביימער גיה שפּאַצירען
וועסט־דו ווערען פרעהליך, זאָרג פאַרלירען.
„יפהפיה“, וואָס געגעבען האָט דיר ס'וואָרט,
שטעהט און קוקט אויף דיר גרויס שוין דאָרט

י

פין פארצייטענס נאך אין ספרים איז געשטעלט,
אז דער מענש אינגאנצען איז א קליינע וועלט.
איטליכס גליד פונ'ם גוף פאר זיך בעזונדער
שטעלט דער וועלט'ס א זאך פאר גאר א וואונדער.
קענט איהר אבער, זאגט, ביי איהם געפינען
אויך דעם ים און מיט אלסדינג, וואס דרינען?
מיט דער טיפקייט, מיט די שטארקע שטורעמס,
מיט די וועלען, גרויסע ווי די טורעמס,
מיט די ווילדע ברואים אונטען,
מיט'ן לויתן שטארק געזונטען.
שא, רבותי, ברעכט אייך, כ'לעבען, ניט דעם קאפ!
אט ווייז איך איהם אייך פון אויבען ביז אראפ.
פלייש א שטיקעל הענגט אין מענשענס ברוסט,
ס'האט אין זיך א חלל, נאר ניט פוסט
בלוט קוועלט דארטען שטענדיג גאנצע קוואלען,
לויפט פון דארט אין אדערען-קאנאלען,
וואס פערצווייגען זיך און פליסען איהם אין גוף
גיך ווי טייכען, דא אראפ און דא ארויף

אט יענץ שמיקעל — ס'דארף, ווי אלע ווייסען,
זאל דער ים ביי מענשען טאקי הייסען,
קליין איז ס'פיצעל הארץ, איננאנצען נאר א לעק
דאך פונ'ם ים פיל טיפער, ברייטער אהן אן עק.
אויפצונעהמען וועגען ימים מיט־אנאנד
אלערליי געפיהלען זיינע ניט אין שטאנד.
ס'פליהען פריי געדאנקען הין און הער
פון די ים־בעשעפניש נאך פיל מעהר
זאל דעם מענשען אפגעהן נאר א כווינט,
קאכט אין הארצען א שטורעמווינט.

שרעקליך, שרעקליך איז דער שטורעם,
יעדע כוואליע איז א טורעם.
ס'זידט דאס בלוט, עס ברענט א העליש פייער,
ס'בליצען די געדאנקען, שטיפען פרייער,
און געפיהלען שטופען זיך צוזאמען,
רוישען, קאכען, פייערען און פלאמען.
ביים פערשטאנד—געניטען קאפיטאן,
איז אצינד קיין עצה ניט פארהאן,
צוגעפינען דא דעם רעכטען וועג,
וועגלען און צושלאגען זיך צום ברעג.
וואויל דעם, וועלכען ס'מזל האט געדינט,
ניט אין לעבען ליידען שטורעם־ווינט;
נאר זעהר וואויל דעם, וועלכער האט געליטען,
און געקאנט פון שיפסברוך דאך זיך היטען.
ער קען זאגען: כ'האב פערזוכט מלחמה,
און ווייס, כ'בין א מענש מיט הארץ און נשמה;

איך ווייס, וואס אַזוינס בעטייט דאָס לעבען,
קען דערפון אַ קלאָרען חשבון געבען;
ווייס, וואס איז אַזוינס די נשמה גלוסט,
וויפיל קאָסט־עס גובר זיין די לוסט.

* *
*

אַ שטאַרקער שטורם האָט אָנגעהויבען
אין יודעלס האַרץ זיך אויפצוהויבען.
עס האָט גערוישט, געראַעשט ווי אין אַ מיהל,
געשטויסען זיך, געשטופּט געדאַנקען פיל.
געפיהלען ניט קיין גלייכע פליהען גיך
און האַלטען שטאַרק מלחמה צווישען זיך —
אַ ציהעניש צו תאוות פון דעם לייב,
אַ קווינקלען אָפּצוואַגען זיך פונ'ם ווייב.
פאַר'ן פאָטער בושה און צו זינד די לוסט,
זיי ראַנגלען זיך און שטרייטען אין זיין ברוסט.
עס האָבען תאוות זיך געצויגען,
און ווי די רוחות גיך געפלויגען,
געפלויגען און געשטיפּט,
געשטיפּט, געשפּיגען גיפט.
דער יצר־הרע שטאַרק געזונטער,
וואס ביי אַ שטורעם בלאָזט ער אונטער,
וואס מישט אין פייער מיט דעם לעפעל,
און גיסט אַלץ אונטער פעך און שוועפעל,
מיט דער כוונה טאָהן נור שאַדען,
האָט זיך אין יודעלס בלוט אַצינד געבאָדען.

זיך אויסגעשפּרייט די פּעדערפלאַסען,
גאר עפּים טאַקי אַ לויתן,
און פון די נאָזלעכער געבלאָזען
אויפ׳ן שיפעל און פערשטאַנדם מאַטראָזען.
געריעדעוועט זיך האָט און שטאַרק געקאַכט,
עס ראַנגעלט זיך דער קאַפּיטאַן און פּאַכט
מיט דעם לויתן, שטאַרקען מחבל,
דער יענעם טהוט אַ פּלעם, אַ גראַבעל.
ווי לייבען האָבען זיי געפאַכטען,
און דער אין דעם זיך איינגעפלאַכטען,
ביז לסוף דער טייפעל גיט אַ שפּרונג, אַ שרעי,
צעברעכט דאָס שיפעל און עס איז אַן-עק!
אין ים איז טיף דער קאַפּיטאַן געזונקען
און זיך – דערטרונקען.
חא-חא! לאָזט הארכען זיך אַ גרויס געלעכטער:
דער טייפעל ער איז שטאַרק און דער גערעכטער!––
אוים שטורם, רוהיג איז און שטיל,
פאַר׳ן טייפעל איז די שפּיל.
יודעל לעבט און ווידער גאָר דער וואוילער יונג,
פוצט זיך אוים און גיט צו יפהפות באַלד אַ שפּרונג.

## יא.

איבער יעדער זאך ביי לייטען
לאזען זיך די דעות בייטען.
שלעכט זאל ווערען גוט און גוט גאר שלעכט,
רעכט אן־עולה און אן־עולה רעכט:
אין פאליטיק, דהינו – דרך־ארץ,
איז מען מטהר בק"ן טעמים א שרץ.
איינער, ווי דער מלאך־המות, שעכט,
קווילעט אוים א לאנד און בלייבט גערעכט.
ס'קען דער מענש אהין־אהער זיך קעהרען,
אי א מלאך אי א טייפעל ווערען.
נישט אוועקצוגעהן פונ'ם אמת אויף א האר,
מוז מען ליבען איהם מיט'ן גאנצען לעבען גאר.
גוט געדיינקען זאל מען עם אויף יעדען טריט:
פון א מלאך ביז דעם טייפעל איז איין שריט.
נעהמט מען זיך פון רעכטען וועג א קאפ אוועק,
ווערד מען שטארק פאראירט, פארפלאנטעט גאר א שרעק!

* *
*

ס'איז ניט גאָר דער יודעל, האַקט איהם חאַטש און בראָקט
איז פאַרווילדעט און דאָס האַרץ איז איהם פאַרשטאַקט.
וויל בשום אופן גאָר נישט זעהן און הערען,
כדי די תאוות זיינע ניט צושטערען. 70)
הויבט־אָן אנצונעהמען ווילדע זאַכען,
וואָס ער פלעגט דערפון גאָר פריהער לאַכען.
גלויבט אין רוחות, שדים, 71)
גלויבט אין לאָקש, אין בוידעם,
האָט צוטאָהן מיט כישוף־מאַכער, 72)
טרעפט זיך עפּיס־באַלד צום זנאַכער.
אַלטע באַבעס זענען זיינע רופאטעס,
פותר־חלום זענען איהם מכשפהטעס. 73)
און דער שפּרעכער גיט קמיעות, שמירהלע,
און דער טאָטער גיט איהם אויך פּאַפּירעלע.
און די טרייע פריינד מיט'ן פאָטער
האָרכט ער ווי דעם ראַבען קאָטער.
יודעל זעהט אַמאָל אין שלאָף –
פלוצלים ווערד ער גאָר אַ שאָף!
אין דער מדבר זיך פאַראירט, 74)
האָבען וועלף איהם דאָרט דערשפּירט.
ס'בליצען זיי די אויגען,
ווי פייל אויסען בויגען
לויפען זיי צו, קוקען
ווי איהם צופאַרצוקען.
קומט גיך אונטער עפּיס איינער,
רייסט איהם אויס זיי פון די ציינער.

מֶעלקט אִיהם, עֶסט זַיין מִילך און פּוטֶער,
און אִיהם גִיט עֶר נִיט קַיין פוטֶער.
קומט נָאך אֵיינֶער, בִּינדט אִיהם גִיך,
און פַארטְרָאגט אִיהם גָאר צו זִיך.
קוים נָאר קוקט עֶר זִיך אַרום,
הֶערט עֶר עֶרגֶיץ טְהוּט אַ בְּרום.
און אַ הַאנד בַּאלד שְׁטְרֶעקט זִיך אוים,
חַאפּט אִיהם, שְׁלֶעפּט אִיהם פְלִינק אַרוים.
און עֶס לָאזט אַ קול זִיך הֶערֶען:
„שָׁאף, פַארשַׂרפֶהט זָאלסט-דו וֶוערֶען!
הָאלץ און פַייעֶר גִיך אַהֶער,
עולָם, גִיך צו דֶער עֲבוֹדָה!
נֶעהמט אַלסְדִינג מִיט, וָואס ס'גֶעהֶער
אויף צוּמַאכֶען אַן-עֲקֵדָה!
לָאז דִי שָׁאף, דִי צָרָה,
וֶוערֶען דִי כַּפָּרָה.
און מִיר וֶועלֶען גְנִיסֶען
שָׁאפֶּענפְלֵייש אַ בִּיסֶען".
פונ'ם אויבֶען זֶעצט אַ רויך,
פַייעֶר-צִינגֶער פְלִיהֶען הויך,
אַט-אַט נֶעהמט מֶען אִיהם אַרויף —
און עֶר חַאפּט מִיט שְׁרֶעק זִיך אויף.
ס'לִיגט דֶער טְרוים אִיהם אויפ'ן הַארץ ווי אַ שְׁטֵיין,
וָואס בֶּעטַייט עֶר, קֶען עֶר נִיט פַארשְׁטֶעהן.
פְרֶעגֶען מְכַשְּׁפִים, אַט וָואס פַאלט אִיהם אַיין
לָאזֶען פּוֹתֵר חָלוֹם זֵיי אִיהם זַיין.

דַייטֶען חֲלוֹמוֹת אִיז דָאךְ זֵייעֶר וַאךְ.
און פַארשְׁטֵעהֶען דְרִינֶען זֵעהר אַ סַךְ. 75)
דָאס אִינגַאנצֶען אִיז דָאךְ זֵייעֶר בְּרוֹיט, 76)
לָאזֶען זֵיי אִיהם בַּיישְׁטֵעהֶן אִין דֶער נוֹיט.
„שָׁלוֹם, זָאגֶען מְכַשְּׁפִים, שָׁלוֹם! 77)
הָאסט גֶעזֶעהן אַ גוּטֶען חָלוֹם.
סְ'וֶוערֶען דַיינס אַ שֶׁעפֶלֶע, דָאס בֶּעטַייט,
וֶועסט אַ פַּרְנָסָה־גֶעבֶּער זַיין פַאר לַייט.
סְ'וֶועלֶען פְּרִיצִים, קְלֵיין און גְרוֹיס אִינאֵיינֶעם,
דַארפֶען צוּ דִיר און דוּ נִיט צוּ קֵיינֶעם.
הֵייצֶען וֶועט דֶער פָּרִיץ רוּבֶּעם דִיר,
קְרִיכֶען וֶועט עֶר אִי אוֹיף אַלֶע פִיר,
און עֶר וֶועט אִין טָאג אַרַיין דִיךְ לוֹיבֶּען,
כְּדֵי אַ מָנָה יָפָה בַּיי דִיר הוֹיבֶּען.
יֶעדֶער, אָפֶען צִי בִּשְׁתִיקָה,
הָאבֶּען וֶועט פוּן דִיר דִי יְנִיקָה.
זָאגֶען וֶועט דֶער פָּרִיץ: יוּדֶלִיק מַיינֶער,
בִּיסט צוּם גֶעבֶּען אַ מְחוּתָּן אַ פַיינֶער!
קוּרץ, דוּ הָאסט גֶעזֶעהן אַ גוּטֶען חָלוֹם,
טְרַאכט דוּ גָארנִישט אִיבֶּער, שָׁלוֹם, שָׁלוֹם!
זֶעהסט־דוּ, יוּדֶעל, וֶועלף בֶּעטַייטֶען פַיינד —
יֶענֶע לַייט, וָואס זֶענֶען כְּלוֹמֶרשט פְרַיינד,
וֶועלכֶע עֶפֶענֶען־אוֹיף אוֹיף דִיר אַ מוֹיל,
און דִיךְ אַיינצוּשְׁלִינגֶען גָאר נִיט פוֹיל.
דְרִיבֶּער, זָאגֶען מִיר, אִיז רֶעכט און גוּט,
דוּ זָאלסט בָּאדֶען זִיךְ אִין זֵייעֶר בְּלוּט".

## יב.

יודלען פיקט דער חלום פארט אין קאפ
און געהט איהם פון זינען נישט אראפ.
ס׳דאכט זיך אלץ איהם וועלף מיט שארפע ציין,
און ער טענה׳ט אלץ מיט זיך אליין:
לויט זיי זאגען, הייסען פייגד
יענע, פון דעם טאטענס פריינד,
און פון יענע הער איך איין געשריי,
שונאים וועגען טאקי זיי נאר זיי! (78
יודעל שלאגט זיך מיט דער דעה,
איז צודרעהט און קראצט די פאה.
ווערד א העלניק אויפ׳ן הארצען שווער
נוארפט ער זיך אי אהין אי אהער.
„יודעל! וואס איז דיר אזוינס דא קשה?
—קומט אריין מיט זיין געשפעט מפיסטאשע—
עפיס זעהט מען דיך ניט אויף דער גאס,
זיי א קלויזניק ועהסט-דו אוים מיר בלאס?
אפשר ציהט עם שטארק דיך, ווי מיט שטריק,
צו די קלויזניקעס ווידער צוריק?

אֶפְשַׁר בֵּיינקסט־דוּ נָאךְ דִי אַלטֶע יָאהרֶען,
אֵיידֶער נָאךְ דוּ בִּיסט אַלַייט גֶעוָוארֶען,
און גֶעהַאט פוּן „בַּיינֶער" זִיךְ צוּקְרַאצֶען?
אַ יוּדִישֶׁע נְשָׁמָה קֶען מֶען נִיט שַׁאצֶען.
גֶעה דִיר! און וַוארף פַאר דִי פִּיס מִיר נִיט דֶעם גאַ[illegible]
אָבֶּער מְיַשֵּׁב זִיךְ גֶעוֶוען הָאסט־דוּ צוּ שְׁפֶּעט".
– עֶט, מַאכט יוּדֶעל אֶנגֶעלָאדֶען, עֶט!
צוּ גוּטֶע פְרַיינד אִיז קֵיינמָאל נִיט שְׁפֶּעט.
„מֵהֵיכָא־תֵּיתֵי, יָא!
זֶוענֶען זֵיי נָאר דָא?"
– דַיינֶע רֵייד וִוי זָאל מֶען דַייטֶען?
עֶפִּיס הָאבֶּען זֵיי צְוֵויי זַייטֶען.
צִי בִּכְלַל נִיטָא פְרַיינד גָאר,
צִי נִישְׁטָא זֵיי בַּיי מִיר נָאר?
אֵי, קֶען אִיךְ דִיךְ וֶוער דוּ בִּיסט,
דַיינס אַ וָוארט אִיז נִיט אוּמזִיסט.
דַיינס אַ קְרִימ'לֶע מִיט דֶער לִיפּ,
שְׁטֶעכט אָפט אִין דֶער זִיבּ'טֶער רִיפּ.
דַיינס אַ וֶוערטִיל פוּן דֶער זַייט,
גָארנִישט דַאכט זִיךְ, צִילט גַאנץ וַוייט.
„און בִּפְרַט נָאךְ, אִיךְ אַז רֵעד מִיט דִיר,
וֶוען עֶס רֵעדֶען קְלוּגֶע לַייט וִוי מִיר.
בִּיסט אַ מֵבִין, יוּדֶעל, אוֹיף אַ וִויצֶעל,
קֶענסט, נִישְׁקָשֶׁה, פַאלֶען אוֹיף אַ שְׁפִּיצֶעל.
מִ'דַארף מִיט דִיר פִיל מִיה נִיט הָאבֶּען,
וַוייסט וואוּ סְ'לִיגט דֶער הוּנד בֶּעגְרָאבֶּען.

## יודעל

כְּ׳מֵין דָאס און יֶענץ אינאֵיינֶעם,
פְּרַיינד גָאר נִשְׁטָא בַּיי קֵיינֶעם.
נָאךְ גְלויבסט-דו אין פוילֶע זַאכֶען,
וָואס דֶערפון איז נָאר צום לַאכֶען!
גְלויבּסט אין אַלטֶע מַעֲשׂוֹת נָאךְ, דו שְׁמֵייגֶער!
יֶענֶעם הָאט מֶען לִיבּ ווִי זִיךְ, אַשְׁטֵייגֶער.
און וֶוער שְׁמוּעֶסט מַאן און וַוייבּ,
איז, ווִי זָאגט מֶען, גָאר אֵיין לַייבּ.
פְּרַיינדשַׁאפט, לִיבּשַׁאפט, שְׁטֵעהֶען נָאר אין בִּיכֶער,
פּוסטֶע רֵייד נָאר, מֶעגסט מִיר גְלויבֶּען זִיכֶער.
פְּרִיוו דַיין בֶּעסטֶען פְּרַיינד צוּקְרִימֶען אויף אַ הָאר,
שִׁיקט עֶר אָפּ דִיךְ גְלַייך צו אַלדֶע שְׁוַוארצֶע יָאהר.
יֶעדֶער זוכט נָאר, אִיהם וָואס נוּצט, וָואס טויג,
טויגסט-דו, הָאט עֶר אויף דִיר שׁוֹין אַן-אויג,
שַׁארט זִיךְ צו דִיר-צו מִיט זִיסֶע רֵייד,
זָאגט: אִיךְ און דו איז קֵיין אונטֶערשֵׁייד.
מַאכֶען, מֵיינט עֶר, צום קְנֶעכט דִיךְ דֶערמִיט,
כְּ׳בִּין גוּט, בָּרוּךְ-הַשֵׁם, דְרִין גֶענִיט.
און דו ווִידֶער מַאכסט זִיךְ כְּלוֹמֶרשט תַּם,
זָאגסט-נָאךְ אויף דִי וֶוערטֶער זַיינֶע: בַּאם!
טְרַאכסט: דֶער רוּחַ הָאט מִיךְ נִיט גֶענוּמֶען,
נַאר מִיךְ, שׁוֹטֶה, וֶועסט צוּנִיטְץ מִיר קוּמֶען.
נַאר מִיךְ, בְּהֵמָה, קָאפּ דִיר אָן דֶער וַואנד!
דִיךְ דֶערטַאפֶּען וֶועל אִיךְ אין דֶער הַאנד.
בְּקִיצוּר, נֶעהם פון אויבֶּען בִּיז אַרָאפּ
נַארֶען אַלֶע אֵיינם דָאס אַנדֶרֶע אָפּ.

אז אפילו די פון דיין געזינד,
ס'קינד א פאטער, און א פאטער ס'קינד.
מענער ווייבער און די ווייבער מענער,
מ'וויל אפילו נארען גאט, נאך שענער!
גאט איז, גלויבט מען, יודע לבבות,
ווייסט דעם מענשענס אלע מחשבות,
וויל מען פארט פונדעסטוועגען זיך קליגען.
ווי מיט שווינדעל איהם אריינצוקריגען –
ווייזען לאז גאטוניו, אויב ער קאן,
אז ער האט בייד זיי צוליב צוטאן.
איבערקעהרען דאמיט די וועלט, נישקשה.
און דערפילען באלד זיי די בקשה.
יענעם זאלסט אין הארץ אריינקיקען,
וואלסט־דו פאר געלעכטער זיך שטיקען,
ווי פאר גאט ער טענה'ט מיט הסברות,
שטיצט זיך אויף געוויסע שטיקלעך גמרות
אז דער רבונו של עולם
זאל שטעהן בלייבען ווי א גולם.
פטור ווער'ען איהם ניט אויף קיין סברא
און זיין וואונש דערפילען על־פי גמרא.

רעד ניט מעהר פון פריינדשאפט–פוסטע זאכען!
היינטיגע לייט אונז'רע וועלען לאכען.
דו ווערסט, יודעל, גאט בעהיט,
הייסען, פון דעם אלטען שניט!"
– יישר כח, טאסי, פאר דער בשורה!
ס'האט די וועלט פון דיר א שיינע צורה.

מילא נו, ניטא קיין פריינד,
ס'זענען דא נאר לויטער פיינד,
פרעג איך היינט דיך ווי א רבין,
טאסי! ווי מיט פיינד צולעבען?
„מוזט אין דעם זין נעהמען ס'ווארט „צולעבען"
ווי איך וועל עס צופארשטעהן דיר געבען.
לעבען—דאס אינגאנצען איז א מלחמה,
צודערהאלטען דורך דעם אנדערנס ס'אייגענע נשמה.
דער זוכט יענעם צופארניכטען,
כדי דערמיט זיך צופארריכטען.
גוט בעטראכט די וועלט און לייג צו מוח,
וועסט-דו זעהן, אז דארטען הערשט נאר כח;
אז דער יענעם מאכט דעם טויט
פאר דעם זינדיג שטיקעל ברויט;
אז פון אויבען איז דער ג'זונטער
און דער שלאפער איז דעראונטער;
אז דאס שלאפע שעפלע איז צום וואלף א רויב,
און צום אדלער אונזער גוטע שטילע טויב.
געצען וועבט די שפין צופאנגען דארט די פליג,
קורץ, ס'איז אייביג נאר מלחמות, שטרייט און קריג.
ס'איז אזוי פון אייביג שוין געשטעלט,
כדי צולעבען ממית'ט, שלאגט די וועלט.
און דער מענש, ס'פערשטעהט זיך, אויך אינמיטען,
שלאגט כדי זיינע ביינער אפצוהיטען.
אט אזוי בעדארף מען לעבען
ווילסט-דו פאלגען מיך דיין רבין

כָּל־זְמַן בִּיסט אִין שְׁטַאנד דִיר הֶעלְפֶעו–הֶעלְף,
הִיט זִיךְ דוּ אַ שָׁאף זַיין צְווִישֶׁען וֶועלְף!
וֶועלְף — דָאס וֶוענֶען יֶענֶע פוּן חַבְרַיָא,
דִיר וָואס וֶוענֶען כְּלוֹמֶרשט פְּרַיינד גֶעטְרַייעֶ.
יוּדְלֶען אִיז דִי רֵייד אִין קָאָז אַרַיין,
און גֶעוֶוען בְּרֵייט מְקַיֵים עֶם צוּזַיין.
אֵיינֶער פוּנ'ם אַלְטֶענס „שְׁטִיבֶּעל"
אַז גֶעמוּסֶר'ט הָאט אַ־מָאל
יוּדְלֶען שְׁטַארק מִיט גְרוֹיס פַּארִיבֵּעל,
אָפֶּען טַאקִי אוֹיף אַ קוֹל,
נִישט גֶעשֶׁענְדִיגט נָאךְ זַיין וָוארט,
טוֹידְט אִיהם יוּדְעל אוֹיפֶ'ן אָרט.
וַוייט אַרוֹים אִיז אִין דֶער וֶועלט אַ קְלַאנג:
ס'הָאט גְעזָאטֶען ס'בְּלוּט זַיינס יָאהְרֶען־לַאנג. 89

# יג.

אם אזוי פארפיהרט דער טייפעל
אין דער בלאטע טיף אריין,
פריוו איהם געבען נאר א פינגער,
שלינגט ער דיך אינגאנצען איין.
תחילת איז די זינד
דין ווי שפינגעוועב,
און זי ווערד דערנאך
ווי א שטריק די גרעב. 80)
ס׳ווערען יודעלם זינד אלץ גרעסער מיט דער צייט,
און פארקריכט דערנאך ביז׳ן האלז אין בלאטע ווייט.
מיאוס ווערד דאס גוט זיינם אפגעלאזט,
ס׳בעל־הבתישקייט שטארק פארוואהרלאזט.
נישט געאקערט זענען פעלדער,
ביימער אויסגעהאקט אין וועלדער,
וויסט די גערטנער, זייער צוים צעבראכען,
קינד־און־קייט אהינצו איז געקראכען.
דערנער, דיכטלען וואקסען דארטען פיל, 81)
ס׳שפרינגט דער היישרעק, ס׳שווישטשעט אויף די גריל.

גרינוואַרג אַלערליי, און ווייץ און קאָרן —
אַלץ איז ווי פאַרשווינדען דאָרט געוואָרען.
אויף דער וויסטער לאַנקע זיפּצען קיה,
נאָך אַ גרעזעל שמאַכטען, לעכצען פּיה,
שעפּלעך, ציגען ליגען מיד, פאַרוויסט,
איינגעשרומפּען זענען זיי די בריסט.
אָקסען רעווען, גראָבען אונטער זיך די ערד,
מיט פאַרלייגטע קעפּ פאַר הונגער קייכען פערד.
עופות, בהמות, שאָף און רינדער,
אַלע איצט געוואָרען מינדער.
און הוצאות יודעלס־זשע אַקעגען
טרעפען ווייט אַריבער זיין פערמעגען.
כדי צו לעבען, קומען אין דער וועלט,
איז דערצו איין מיטעל־געלט און געלט.
כדי צו זיין אַ חשוב, זיין ווילקאָמען,
צודערהאַלטען אין דער וועלט דעם נאָמען,
גאָר די נשמה זיין ביי אַלע דאַמען,
ביי דער טאָכטער און אויך ביי דער מאַמען,
יעדער זאָל בעגעגנען מיט'ן פאַרבייג,
זאָל זיס שמייכלען, ווייך זיין ווי אַ טייג,
צופאַרבעטען זיין און צוגעניסען
אומעטום אויף חתונות און בריתין,
אין דער וועלט צוהייסען מחותן, פעטער,
זיין אַ מבין, אויף אַלסדינג אַ מעטער,
זאָגען דעות וואָס איז גוט און וואָס עס נוצט—
מוז מען שאַסטען, ווי אַ טאַק זיין אויסגעפּוצט.

אט דאס זענען עס די גוטע מיטעל,
צובעקומען כבוד און א טיטעל.
יענעם כדי די אויגען צופארבלענדען,
האט געמוזט געלד, יודעל, פיל פארשווענדען.
פון דער קאסע אלץ געשלעפט,
ביז זי האט זיך אויסגעשעפט.
אז אמאל געמאכט זיך האט א וועכטיג,
און דערצו געווען געלט זעהר נייטיג,
האט מען, כדי ארויס חאטש מיט דעם לעבען,
טיהרען פון דעם פאלאץ אפגעגעבען. (82
לסוף איז יודעל וויים אזוי פארקראכען,
אז דעם פאטער האט עס שטארק געשטאכען,
אש-להבה איז ער שוין געווארען,
אנגעצונדען האט זיך איהם דער צארן,
פייער-פלאם געווען זיין קיק,
ווי א לייב געטאן א היק,
און זיך אפגערופען האט דער הילך,
דונערענד אין הויז פון עק צו עק,
און ענטפאלען איז דער מאמעס מילך
יעדען דארט פאר פחד און פאר שרעק. –
און די האנד צום הימעל אויבען,
מיט א שבועה אויפגעהויבען,
זאגט ער: ערד און הימעל,ביידע איהר,
עדות זייט דא ווי איך שווער!
דא אין יודעלס פאלאץ איז פאר מיר
נישט קיין ארט, קיין וואהנונג מעהר.

יודלען האם איך און דעם פּאלאץ פּיינט, 83)
דא פאר מיר איז ניט קיין וואהנונג היינט.
אין מיין רוה צוריק זיך וועל איך קעהרען,
ווארטען, יודעל ביז וועט בעסער ווערען. 84)
ווי דער אלטער טרעט אפּ־העהרען,
שטעלט זיך אין די אויגען טרערען.
מיט־א־מאל צוגעהן אוועק,
איז איהם שווער געוועזן א שרעק.
ביסלעכווייז דערווייטערט זיך פון דארט
האט ער, ווייטער אלץ פון ארט צו ארט,
און געמאכט צעהן נסיעות, 85)
יעדע שטארק מיט שיהות.
ווערד נאר יודעל גוט און פרום,
טראכט ער, קעהרט ער באלד זיך אום. 86)
מ'זאגט, ער האט געוויינט פאר שמארץ,
ס'האט געריסען איהם דאס הארץ.
מ'האט געהערט איהם ריידען:
אוי, אז־אך און וועה און ווינד
איז זיך ביים צושיידען
אי דעם פאטער אי דעם קינד! 87)

# יד.

יוּדֶעל אַז פַארלִיהרט לְסוֹף סְ׳גֶעלט
וֶוערד אוֹיס מְיוּחָס אִין דֶער וֶועלט.
פְרִיהֶערדִיגֶע גוּטֶע בְּרִידֶער
זֶענֶען מִיט אִיהם קִידֶער־וִוידֶער.
פוּן וָואס פְרִיהֶער פְלֶעגט מֶען קְוֶועלֶען,
הֶערט עֶס הַיינט אוֹיף צוּגֶעפֶּעלֶען.
הַיינט אִיז יוּדֶעל צוּ גֶעשְׁפֶּעט,
יֶעדֶער אוֹיף אִיהם זוּכט אַ חֵטְא.
סְ׳רֵיידֶען בֵּייזֶע צִינגֶער,
מְ׳טַייט אוֹיף אִיהם מִיט פִינגֶער.
אָבֶּער, דָאס נָאר, וָואס מְ׳לַאכט,
וָואלט אַזוֹי נִישט אוֹיסגֶעמַאכט,
וֶוען דֶערבַּיי זָאל נִיט גֶעוֶוען
אוֹיך אַ צָרָה אִיהם גֶעשֶׁעהֶן.
אָט וָואס פוּנְ׳ם גֶעשְׁפֶּעט עֶס קוּמט אַרוֹיס:
שְׁכֵנִים זוּכֶען זָכִיוֹת אַלְטֶע אוֹיס
אוּן אַ פְּרָאצֶעס יוּדלֶען שַׁארף דֶערקְלֶערט —
זַיי׳רֶע אָבוֹת הָאט זַיין גוּט גֶעגֶעהרט,

עָלטֶער-זֵיידֶעס זֶענֶען דָא גֶעזֶעסֶען,
דָא מִיט שְׁוֵויס, מִיט אַרבֵּייט בְּרוֹיט גֶעגֶעסֶען.
קוּמט אוּן נֶעהמט עֶס צוּ מִיט פֶעלד אוּן וַואלד
אָט דֶער שֵׁענֶער יוּדֶעל מִיט גֶעוַואלד. 88)
דוּפֶּעט אוֹיף זַיין טַאטֶענס כֹּחַ,
אוֹיף זַיין חָכְמָה אוּן זַיין מֹחַ.
פוּן דִי עֶרשְׁטֶע אַלטֶע שְׂרָרוֹת
שְׁטַארבֶּען, נֶעבִּיךְ, פִּיל פַאר צָרוֹת.
יוּדֶעל פִּיהרט מִיט זֵיי מִלְחָמָה,
נֶעהמט פְרָאסט צוּ זֵיי דִי נְשָׁמָה. 89)
גָאר אַ טֵייל פַארנֶעהמט אַלסדִינג אוֹיפ׳ן וָואגֶען
אוּן אַוֶעק וָואהִין דִי אוֹיגֶען טְרָאגֶען. 90)
נָאךְ אַ טֵייל אוֹיף צִינשׁ בְּלַייבּט זִיצֶען,
מוּז פוּנ׳ם שְׁוֶוערֶען יָאךְ שְׁטַארק שְׁוִויצֶען. 91)
מֵילָא לְמַאי דָא פִּיל צוּטַעֲנֶה׳ן, בְּקִיצוּר,
יוּדֶעל אִיז קַיין רֶעכטֶער גוּטבֶּעזִיצֶער,
אוֹיף אַ פֶעלד נָאר מִיט אַן-אַלטֶען בִּנְיָן,
הָאט עֶר עֶפִּים יָא אַ שְׁטִיקֶעל קִנְיָן. 92)
מִ׳נֶעהמט נָאךְ פוּנ׳ם אַרחִיוו אַפִּיר
עֶפִּים גָאר אַן-אַלט פַאפִּיר,
וָואס בֶּעוַוייזט וִוי דֶער טָאג קְלָאר,
אַז עֶר אִיז אַגַנָּב גָאר! —
יוּדֶעל בָּארגט אוּן נֶעהמט אָן אִין אַן-אָרט
גָאלד אוּן זִילבֶּערוַוארג אוֹיף עֶהרֶען-וָוארט
וַיְבָרַךְ-הֵייבּט דִי פִּים אוֹיף אוּן אַ יָאג,
אוּן פַארפַאלֶען בִּיז דֶעם הַיינטִיגְ׳ן טָאג! 93)

נָאךְ חֲטָאִים ווִי דִי, אָהן אַ צָאהל,
זוכט מֶען אוים אויף יודלֶען אַלֶע מָאל
יודֶעל אִיז פַארדָארבֶּען, נִישט קֵיין לַייט,
פַאלט מֶען אויף אִיהם אָן פון יֶעדֶער זַייט.
שְׁווַייגֶען טָאר מֶען אִיהם נִיט, מְ'טָאר נִיט שְׁלָאפֶען,
אָט אַזֶעלכֶען מוז מֶען גוט בֶּעשְׁטְרָאפֶען.
מַאכֶען אִיהם אַ כְּרָאצֶעם אִיז גֶעבְּלִיבֶּען,
כַּכָּתוּב, ווִי עָם שְׁטֵעהט גֶעשְׁרִיבֶּען.
סְ'הָאט מִיט'ן כְּרָאצֶעם זִיךְ דִי וֶועלט גֶעווִיגט,
יודלֶען דֶענסטמָאל הָאט שְׁטַארק נִיט גֶעגְלִיקט.
סְ'וַואקסֶען אוים אֲדוֹנִים פִיל ווִי גְרָאז,
קומֶען אָנצוּרַייבֶּען אִיהם אַ נָאז. 94)
יֶעדֶער גְלוּסט אַ בֵּיינדֶעל זִיךְ אָפּלֶעקֶען,
יודֶעלס נָאמֶען פון דֶער וֶועלט אויסמֶעקֶען. 95)
אֵיינֶער, אִין זַיין צַייט אַ וֶועלט גֶעקֶעהרט,
הָאט מֶעהר פון דִי אַלֶע אִיהם צֶעשְׁטֶערט. 96)
יֶענֶער הָאט אַ וֶועלט גֶעפִיהרט מִיט צָארן, 97)
און מְ'אִיז פון אִיהם גוט פַארשְׁווַארצט גֶעוָוארֶען,
אִיז גֶעוֶועען אַ גְרוֹיסֶער רִיצֶער,
און דֶער גְרֶעסטֶער גוטבֶּעזִיצֶער.
בַּיי אֵיין פְּרִיץ, מִיט אַ הִינקְדִיג פִּיסֶעל,
הָאט עֶר צוּגֶענוּמֶען סְ'גַאנצֶע שְׁלִיסֶעל
צְווִישֶען צְוֵויי בֶּערִיהמְטֶע טַייכֶען, 98)
וָואס נִיטָא גָאר זֵייעֶר גְלַייכֶען.
שְׁרֶעקלִיךְ ווִי גֶעהַאט לִיב הָאט עֶר גֶעלט, 99)
קַארג אִיז אִיהם גֶעוֶוען דִי גַאנצֶע וֶועלט.

הָאבֶּען שְׂרָרוֹת נִיט גֶעצָאהלט אִיהם רַאטֶע,
נוּ, גֶעמֶעגט זַיין הָאט גָאט זֵייעֶר טַאטֶע.
זֶעלְגֶער שִׁיקט עֶר אָן אוֹיף זֵיי אַ רָאיֶע,
מֶערדֶער, ווִילדֶע לַייט, אַן־עַם לֹא הָיָה, 100)
אָט דֶער וֶועלט־בֶּערִיהמטֶער חַאפֶּער,
וֶוערד עֶם יוּדֶעלם בְּלוּט־פַארצַאפֶּער.
אוּן דֶערווַייל נָאךְ, אֵיידֶער וָואס אוּן וֶוען,
אֵיידֶער סְ׳אִיז נָאךְ עֶפִּים וָואס גֶעשֶׁעהן,
טְהוּט עֶר אִין דֶעם עֵסֶק שׁוֹין אַ פָּאהר –
אוּן סְ׳צָאהלט יוּדֶעל רַאטֶע אִיהם דְרַיי יָאהר, 101)
יוּדֶעל, בִּיסט אַן־אַרֶענדַאר,
רֶעכט אוֹיף דִיר, רֶעכט,
הָאסט נִיט זַיין גֶעוָואלט אַ הַאר.
זַיי־וְשֶׁע אַ קְנֶעכט!
דַיין פְרִיהלִינג, יוּדֶעל, דַיין בְּלִיהֶען,
אִיז גֶעשְׁווּנט אַרִיבֶּער,
דַיין ווִינטֶער ווִיפִיל סְ׳וֶועט זִיךְ צִיהֶען
ווייסט אֵיין גָאט דֶער לִיבֶּער.

# טו.

יוּדֶעל הָאט קֵיין הָאנִיג נִיט גֶעלֶעקט,
ס'הָאט זַיין מִשְׁפָּט נִיט גוּט זִיךְ גֶעעֶקט.
יֶעדֶער שָׁכֵן הָאט גֶעוָואלט זַיין מַפָּלָה,
אָפּצוּקוּילֶען אִיהם, אָפּשְׁנַיידֶען אַ פָּאלֶע.
„ס'אֵיינְצִיג מִיטֶעל פַאר דִיר אוּן דָאס רֶעכטֶע,
אִיבֶּערוַוארטֶען שְׁטִיל דִי צַייט דִי שְׁלֶעכטֶע.
בְּלַייבּ אַ פֶּערמֶער דוּ לְעֵת־עַתָּה,
אוּן דֶעם פָּרִיץ צָאהל דִי רַאטֶע. 102)
בּוּיג זִיךְ דוּ דֶערוַוייל, עֶר אִיז אַ זֶעהר גֶעזוּנטֶער,
קֶען מֶען נִיט אַרִיבֶּער, מוּז מֶען אַרוּנטֶער".
אָט אַזוֹי בֶּעט, רֶעדט מִיט פַייעֶר
פוּן דֶעם הַארץ אַ פְרַיינד אַ טְרַייעֶר.
יוּדֶעל אָבֶּער וֶוערד שְׁטַארק אוֹיפְגֶעבְּרַאכט
אוּן אִיהם פַאר אַ שׂוֹנֵא גָאר בֶּעטְרַאכט.
פַאלְשֶׁע פְרַיינד מִיט מְסִירוֹת הָאבֶּען,
וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז, שְׁטַארק אוּנטֶערגְ'הֶעצט,
אוֹיף אִיהם לַאנג אַזוֹי גֶעגְרָאבֶּען
בִּיז אִין תְּפִיסָה מְ'הָאט אִיהם אַיינגֶעזֶעצט. 103)

דָארט גֶעפֿיינִיגט אִיהם צוּם טוֹיט,
אוּן גֶעשְׁפּייזט מִיט טְרוּקֶען בְּרוֹיט. 104)
יוּדֶעל הָאט אוֹיף זִיךְ צוּפִיל גֶעשְׁטֶעלט,
ער אִיז דָאךְ אַן־עַקשָׁן, ווייסט דִי וֶועלט.
כָּל־זְמַן בַּיי אִיהם אִיז גֶעוֶועזֶען דֶער פָּאטֶער
הָאט צוּ אִיהם קֵיין יָוָן אוּן קֵיין טָאטֶער
נִיט גֶעווַאגט אִין הוֹיז צוּטָאן אַ קִיק, 105)
מְ'הָאט גֶעצִיטֶערט פָּשׁוּט פַאר זַיין בְּלִיק.
אָהן דֶעם פָּאטֶער אָבֶער, אָבֶער הַיינט,
אִיז אִין יוּדֶעלס הוֹיז אַרַיין דֶער פַיינט.
אִיז אַרַיין מִיט זַיין קָאמַאנדֶע,
מִיט דֶער ווִילדֶער מֶערדֶער־בַּאנדֶע.
הָאט גֶעלֶעסטֶערט, אַל־דָאס־בֵּייז גֶערֶעדט,
אוּן גֶעלֵייגְנט יוּדְלֶען דֶעם דֶעקְרֶעט.
מַארשׁ, צוּם עֵסֶק, קִינדֶער, הֵיי!
לָאזט זִיךְ הֶערֶען זַיין גֶעשְׁרֵיי.
אוּן מִיט אִימפֶּעט ווִי אַ ווִינד,
ווַארפט זִיךְ חֶבְרָה גִיךְ־גֶעשְׁווִינד.
גֶעזוּכט, גֶעטַאפּט,
גֶעלַאפּט, גֶעחַאפּט.
סְ'לוֹיפֶען, סְ'יָאגֶען מַחֲנוֹת שְׁלֶעק
אִי מִיט הַאמֶערם אִי מִיט הֶעק.
שְׁלָאגֶען פֶּענסטֶער, רַייסֶען טְהִירֶען, 106)
שְׁמֶעקֶען ווִי דִי הִינד אוּן שְׁפִּירֶען,
פַאלֶען אָן, אוּן שְׁטֶעכֶען,
הָאקֶען, בְּרָאקֶען, בְּרֶעכֶען.

מאכען חרב, ליידיג, וויסט,
ס'וואלגערען כלים זיך ווי מיסט.
אין דערמיט געריידער טהוט א וועך,
און - אין פלאם-פייער שטעהט דער „דווארעץ" !
ס'פליהען פייערדיגע צינגען,
דעכער קנאקען, פענסטער שפרינגען.
און חברים יודעלס ביי דעם שמארץ
שטעהן און קוקען מיט א פרעהליך הארץ. 107)
שטרעקען אין דער מהומה אויס די הענט,
רויבען, וויפיל יעדער האט געקענט.
יעדער זאגט: איך פרעה מיך, קוועל, 108)
ס'ווערד פון יודעלס הויז א תל!
און דער פיינד פארנעהמט זיך יודעלס גוטס, 109)
זאכען אין דערווירטהשאפט און אויך פוטש:
בעקענס, לעפעל, גאפעל, מעסער,
לייכטער, טעפלעך, פענדלעך, פעסער,
האק און פאק און אויך א ווילקע,
לאזט נישט איבער אי קיין שפילקע.
יודלען הייסט ער אנטהאן קייטען,
זעלנער זאלען איהם בעלייטען,
איהם פארשיקען אין א ווייטען ארט,
און מיט איהם צולעהרנען בלק דארט;

# טז.

שוואַרצע וואָלקענס זעגען ווי פאַרהאַנגען
איבער ס'וויסטע יודעלס הויז געהאַנגען.
גלייך ווי ס'פּיהלט דער הימעל יודעלס לייד,
טהוט זיך אָן שוואַרץ אין אַ טרויער-קלייד.
ערד און הימעל — פון איינאַנדער ווייט,
זיי געבוירט איין פאָטער, אין איין צייט.
דריבער הערט מען אָפט ווי מ'זאָגט:
אז די ערד, די שוועסטער, קלאָגט,
מינעט זיך דער ברודער אין געזיכט,
פינסטער ווערד זיין פּנים, שוואַרץ זיין ליכט.
דריבער אז די ערד בעליידיגט וועֶן איהר קינד,
און דעם מענשען ביטער איז איהם, וועה און ווינד,
שרייט ער, וויינט ער צו דעם הימעל אָפט,
בעט ער ווי אַן-אייגענער, בעט און האָפט.
יודעלס חורבן האָט דער הימעל אויך בעדויערט,
ערד און הימעל ביידע האָבען זיי געטרויערט.

פונ'ם פאלאץ דעם זעהר ליבען
איז א הויפען אש געבליבען.
אלץ איז חרב און צושטערט,
הארנעם-קארנעם איבערקעהרט.
אומטום קוילען, שטיינער, גיפס,
אויסגעשטארבען—שא קיין פיפס!
צווישען רויכערדיגע הויפענס דארט,
ווי א שאטען שטיל פון ארט צו ארט,
וואנדעלט הין און הער א מאן ארום.
רעדט נישט, טהוט אמאל א זיפץ—א ברום.
ווי די וואנד אינגאנצען איז ער טויט,
ס'פנים בלאס, די אויגען פייער-רויט,
און דאס לשון פונ'ם הארץ דעם שווערען
דרוקט אין קנייטשען איהם זיך אויס אויפ'ן שטערען.
און די בארד, די לאקען אויף דעם קארק,
פליהען איהם ביים גאנג צופלאסען שטארק.
דער אט איז עס יודעלם בעסטער פריינד,
וואס געוועזן פארעכענט פאר זיין פיינד
וועלכען מ'האט אין תפיסה איינגעזעצט,
אין א גרוב געהאלטען איהם צום לעצט
דער אט, וואס געליטען האט פיל שמארץ,
געהט עס מיט א שטארק געבראכען הארץ!
געהט פארטראכט, פאראומערט, זעהר פארביטערט,
זעהט דעם חורבן-פלאטערט ער און ציטערט.
ס'דינען ניט די פיס איהם, שטעלען אפט זיך אפ,
אבער ס'פליהעט, ס'טראגט איהם האסטיג ווייט דער קאפ.

סְ׳מויל שְׁווַייגט, לִיפֶּען איהם צונויפגֶעצויגֶען,
אָבֶער סְ׳הַארץ שְׁרַייט, סְ׳רֵיידֶען זַיינֶע אוֹ
זָאל סְ׳גֶעשְׁרֵיי אַרויס איהם פון דֶעם מויל,
וָואלט גֶעוֶוען עֶס פון הַארמַאט אַ קויל.
זָאלֶען זַיינֶע אויגען טְרֶערֶען גִיסֶען,
וָואלטֶען אוים זֵיי גַאנצֶע קְוַואלֶען פְּלִיסֶען.
סְ׳מֶענשֶׁענס הַארץ איז שוין אַזוי גֶעשְׁטֶעלט,
זִיךְ אָפּשְׁפִּיגלֶען אין איהם זָאל דִי וֶועלט.
סְ׳איז בַּיי דֶעם אין הַארץ אַ חורבָּן אויךְ:
בְּלוּט און פַייעֶר, אַש און וַוילֶען רויךְ.
צְווישֶׁען וַוילֶען רויךְ פַארטְרַאכט,
שְׁטַארק פַאראוּמֶערט און פַארשְׁמַאכט,
גֶעהט עֶר לַאנגזַאם שְׁטִיל פון אָרט צו אָרט
און אַרויף אַ בַּארג פַארגֶעהט עֶר דָארט.
פְּרִישֶׁע און גֶעשְׁמַאקֶע לופט פונדַאנֶען
הָאט דִי וָואלקֶענס איהם אין הַארץ צוטְרִיבֶּען,
ווִי פון שְׁלוּמֶער וָואלט עֶר אויפגֶעשְׁטַאנֶען,
הָאט עֶר זִיךְ דִי אויגען אויסגֶערִיבֶּען.
שְׁטִילֶער אין איהם וֶוערד דָאס פַייעֶר,
דִי גֶעדַאנקֶען קְלֶערֶער, פְּרַייעֶר,
זַיינֶע אויגען וֶוערֶען איהם בֶּענֶעצט,
און עֶר ווַיינט און יָאמֶערט דָא צום לֶעצט.
„כְ׳הַייב אַ יָאמֶער אויף דִי בֶּערג-אויף דָא, 110)
ווַייט אַרום איז קַיין אֵיין מֶענש נִיטָא!
מְ׳הֶערט נִיט מֶעהר דָאס קוֹל פון פִיה
און גֶעזַאנג פון פויגֶעל פְּרִיה.

פֿויגעל, פּיה אַוועק אינאייגעם,
ס'איז קיין שפּור ניטא פֿון קיינעם.
ווייבער, בּריות צום געוויין, (111
גיכער קומט אַהער צוגעהן,
ווייגען דא און קלאגען
אויף די גרויסע פּלאגען.
לעהרענט טעכטער אוים אַ לידעל –
אוי אַ קלאג צו אונזער אידעל!
ס'איז אַריין דורך פענסטער ברעכען
איהם אין הויז דער טויט, צושטעכען
דארטען קינדער אין די וויגען,
וועמען נאר ער האט געקריגען".
און צום חורבן באלד געטאן אַ בּליק,
לאזט ער זיך אַהין געשווינד צוריק.
בּיי דער חורבּה, אויף אַ שטיין,
זיצט ער איינער דארט אַליין,
ליבּ איז איהם דער רויך ווי זיסע ריחות,
זיצט און זאגט בּעגייסטערט זיינע איכות.
טרויער-לידער אַלע, וואס אין בּיכלעך,
זענען אין פערגלייך מיט זיי נאר שפּילבּלעך.
זאגענדיג די איכות אויף דעם שטיין
לאזט זיך הערען איהם אַ שטיל געוויין.
„ווער איז? – טהוט ער בּייז אַ רוף –
אויבּ אַ שד – צום טאטער!"
ס'ענטפערט שטיל אַ קול דארויף:
– איך בּין יודעלם פּאטער! (112

אויסצוהאלטען האט דער טאטע ניט געקענט,
און געקומען זעהן זיין הויז ווי מ'האט פארברענט,
ווי מען האט זיך אפגערעכענט מיט זיין קינד,
און פון איהם א תל געמאכט גיך און געשווינד.
און פאר גרויס רחמנות ניט געשוויגען,
מוראדיג געוויינט און וועה געשריגען.
„פאטער ליבער און געטרייער,
בעט דער פריינד איהם, רעדט מיט פייער —
ווייז, טאטוניו, ווייז דיין גנאד ארויס,
און פון שונאים לייז דיין יודלען אויס!
זאג אדרבה, איז פאר דיר עס שעהן,
מיט'ן שטאפ זאל יודעל דיינער געהן?
כ'וועל אויף קברים מיך אויסשטרעקען,
דארט זכות-אבות אויפצוועקען.
לאזען זיי זיך מיהען, בעטען, שרייען,
יודלען פון דעם גלות צובעפרייען".
פלוצלים — ס'קאציל קומט די באבע רחה!
וואס געטריי אזוי איז איהר משפחה,
און איהר קול מיט ביטערע טרערען
לאזט אין הימעל אזש זיך הערען. 113)
רחה מאכט געוויין שטארק אן
אויף איהר איינקעל דא;
גוואלד שרייט זי אויף איהר איינקעל,
וואס ער איז נישטא.
און דער פאטער טהוט א זאג:
הא'ט דיין שטימע איין פון קלאג

אוּן דִי אוֹיגֶען פוּן טְרֶערֶען,
דוּ פַארדִינסט, אַז קְרִיק אַ הֵיים
זָאל דָאס קִינד, אִם־יִרְצֶה־הַשֵׁם,
פוּן דֶער פְרֶעמד זִיךְ אוּמקֶעהרֶען ·
ס'אִיז צוּהָאפֶּען, זָאג אִיךְ, שְׁוַויינ אוּן קִיק,
קוּמֶען וֶועט דָאס קִינד אַ הֵיים צוּרִיק! 114)

# יז.

אין א פרעמדער געגענד, היבשליך ווייט,
וואו עס וואוינט א פאלק, פארדארבענע לייט,
זיטצען ביי א גרויסען טייך א סך
ארעסטאנטען, זעלנער אויך א וואך.
ס'איז אן-אנגעקומענער עטאפ,
וואס ער רוהעט דא זיך אוים א קאפ.
און געשמידט אין קייטען פים און הענט,
פינסטער ווי די ערד, פון זון פארברענט,
זיצט דא איינגעהייקערט אויף א שטיין
טרויריג, אונזער יודעל-לעב אליין.
איהם אנקוקען זאגען ווער וואלט דען,
דאס איז יודעל, וואס אמאל געוועזן?
עלטער איז ער מיט א פופציג יאהר,
ס'פעהלען ציין איהם און עס פעהלט איהם האר.
ציין – פון ברויט מיט זאמד אויסגעבראכען,
האר – פון אש אויפ'ן קאפ אויסגעקראכען. (115
יונגערהייט געווארען איז ער גרוי,
באקען בלייך, ארום די אויגען בלוי.

ס'איז פון סאָזשע שוואַרצער זיין געשטאַלט,
איהם ניט צודערקענען — שרעק ווי אַלט!
פלייש קיין לויט אויף איהם, נאָר הויט און ביין,
יי אַ שפּענדיל דאַר, הויט האַרט ווי שטיין, 116)
פּים געשוואָלען, ווי בעריקעס רויט,
טראָגען קייטען, שווער איהם ווי דער טויט.
אַט ווי יודעל זעהט אויס איצט אין לייד,
נאַקט און באָרפיס איז ער, אָהן אַ קלייד.
פון זיין גאַנצען אויסזעהן ווי אַן־אָבל,
קען מען מאַכען אַן „על נהרות בבל".
דאָרט ביים טייך געזעסען איז ער און געביינקט,
אין דער ליבער היים דערמאָהנט זיך און געדיינקט,
אויף אַ דאָרטיגער הושענא
דיינגט ער אויף די פידעל זיינע.
ווייל אַ מזמור בעטען איהם די רויבער,
און אַ פרעהליכס — די קאַטאָוועס־טרייבער,
שפּיל דו אונז, רב אידעל,
דיינס אַ יודיש לידעל!
„מיר ווי קען דאָס הארץ פאַרטראָגען
גאָטס ליד אין דער פרעמד צוזאָגען!
אויב פאַרגעסען וועל איך דיך מיין לאַנד,
אָפּ מיר נעהמען זאָל די רעכטע האַנד,
קלעבען זאָל די צונג צום גומען מיר,
אויב אַז דיינקען וועל איך ניט אין דיר;
אויב דיך, היים, ביי עפּעס אַ שמחה נאָר,
ניט דערמאָהנען וועל איך נאָך ביים אָנהויב ג[illegible]!

ס'זאל די עשו'ס, גאט! אפלויפען ניט אומזיסט
יענער טאג, ווען ס'הויז מיינס איז געווארען וויסט.
וואס געזאגט זיי האבען: מאכט א תל, א תל!
ס'הויז צונעהמט איהם פונ'ם סופיט ביז'ן שוועל.
פריץ, דיר זיין זאל עס אפגעגעבען ברויט!
וואויל דעם, וועלכער מאכען וועט דיר אויך דעם טויט.
וואויל דעם, וועלכער ברעכען וועט דיר אויך א ביין,
און צוקלאפען דיינע קינדער אויף א שטיין!" 117)
יודעל, זיינס דער באנדע אפגעזאגט,
ריקט ער אין א זייט זיך אפ און קלאגט.
ס'טהוען פויקען באלד א קלאפ
און עס אויפשטעהט דער עטאפ.
מארש! קאמאנדעוועט דער עלטסטער און מושטירט,
און די ארעסטאנטען האבען זיך געריהרט.
קייטען-קלינגען הערט זיך פון דערווייטען,
פייקלעך פויקען-צו פון אלע זייטען,
יודעל געהט אין גלות, רעדט קיין ווארט,
לאזט זיין פידעל אויף די ווערבעס דארט.

# צווייטער טייל

# א.

אֱמֶת איז דֶעם עוֹלָם׳ס וֶוערטִיל טַאקֶע:
ס׳שִׁיקט דִי רְפוּאָה גָאט צוּ פַאר דֶער מַכָּה.
וַוייסט אֵיין גָאט נָאר, וָואס פוּן יודֶלֶען וָואלט גֶעוֶוען,
וֶוען עֶס זָאל מִיט אִיהם אַ מַעֲשֶׂה נִיט גֶעשֶׁעהן.
יוּדֶעל אַז הָאט פוּן דְרַייא יָאהר בַּיים עֶנדֶע
אוֹיפגֶעהֶערט צוּ צָאהלֶען פַאר אַרֶענדֶע, 1)
זֶענֶען פוּנֶ׳ם פְּרִיץ חַיִל גֶעקוּמֶען.
הָאבֶּען זֵיי מַשְׁכָּנוֹת פִיל גֶענוּמֶען,
אָפּגֶעטְרָאגֶען עֶס צוּ אִיהם אִין סְקַארבּ. 2)
יוּדֶלֶען נָאךְ גֶעטְרָאפֶען אוֹיךְ אִין קַארבּ –
מְ׳הָאט אַ פְּרָאצֶעס, לַאנג נִיט גָאר גֶעטְרַאכט,
דִי גֶעשֶׁעפטס-לַייט יוּדֶעלס אוֹיךְ גֶעמַאכט –
זֵיי דָאךְ הֶעלפֶען אִיהם צוּבְּרֶעכֶען דֶעם קָאנטְרַאקט!
קוּרץ – גֶעמַאכט בַּיי בֵּית-דִין וֶוערד אוֹיף זֵיי אַן-אַקט
און אַזַא פְּסַק-דִין אַרוֹיסגֶעשִׁיקט:
בַּאֲשֶׁר יֶענֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעקְלָיגט,
דָאס און דָאס צוּטָאן גֶערָאטהֶען,
וואס עַל-פִּי דֶעם אָפּמַאךְ איז פַארבָּאטֶען,

און דעם פּריץ גורם היזק געווען זעהר פיל;
און דערצו געמאכט יד-אחת אין דער שטיל
מיט'ן גראף, וואס מיט א הינקדיג פיסעל, 8)
אפצונעהמען ביי איהם ס'גאנצע שליסעל —
בכן פארשיקען קומט זיי, אט די לייט,
וואו דער שווארצער פעפער וואקסט, העט ווייט.
מענשען זענען עם געווען די גרעסטע,
אין געזינד און אין געשעפט די בעסטע. 4)
שלעכט איז, אמת טאקי, געווען דער שר,
אבער דאך, חלילה, נישט קיין נאר.
ער, נישקשה, האט פארשטאנען זעהר גוט,
אז די מענשען האבען אין זיך יודעלם בלוט.
„יודלען פיינט צוהאבען — מהיכא-תיתי,
איהם פאר זיין עקשנות קומט פעטש הייסע.
נעהמט ער גאר אריין אין קאפ זיך זאגען,
איז מיט גוטען מיט איהם ניט צומאכען;
דאך איז יודעלם קעפּיל, זיין פערשטאנד,
נישט אוועקצומאכען מיט דער האנד.
יודעל איז א חכם, איינער אין דער וועלט,
סקארב איינבריינגען קען זיין חכמה גוזמות געלט.
היינט אז יודעל ניצט, ווי באלד ער איז געשייט,
מוז מען שנאה שוין פארבייגען אין דער זייט.
זיך אין הארצען מעג מען טראכטען וואס מען וויל,
אבער ס'מויל — אזאס, ניט פלוידער מיר צופיל!
דארף מען פריוען יודעלם לייט צוהאלטען פריי,
מאהן אזוינס, דעם קאנט זיין לאזען זיי געטריי.

און דער פריץ פאלט באלד אויף א מיטעל
ער בעפעהלט אשפנז׳ען זיין „פראוויטעל“ 5)
טאקי באלד, א קאפ זיך ניט צודולען,
לאז מען נעהמען יודעלם לייט אין שולען,
און זיי אויסצולערנען לאז מען דארט
ביכלעך לעזען און א גויעש ווארט.
ס׳וועט דורכדעם דער קאנט שוין זיי געפעלען,
ס׳וועט א טייל אין הויף בעקומען שטעלען.
שולען לאזען ווערען פונ׳ם סקארב געמאכט,
ניט פון פלייש א טאקסע, ניט פון ליכט א פאכט.
אדרבה, ניט למען־השם פארגעסען,
פלייש א סך בעדארפען אלע עסען. 6)
עסט מען פליישיגם—איז מען רעכט געזונט,
מילכיגם און שאר ירקות – איז א הונט!
פון על־חטא
איז מען ניט פעט.
פיער פון סטודענטען, וואס אין דער שקאלע,
זענען ווייט געגאנגען אין השכלה.
ביים עקזאמען געבען פאר די לעהרער
האבען זיי געקענט פון אלע מעהרער. 7)
איינער, פון די פיער דער בעסטער,
ווערד אין הויף א שר דער גרעסטער. 8)
און די אנד׳רע זענען אויך געמאכט,
מ׳האט פאר גרויסע שרים זיי געמאכט. 9)
יענע פיער משכילים, ווי פראנצויזען
אין די רויטע מונדירן, רויטע הויזען, 10)

מַאכֶען אִין דֶער וֶועלט אַ גְרוֹיס גֶערִידֶער,
מַאכֶען כָּבוֹד גָאט אוּן זַיירֶע בְּרִידֶער.
זַייעֶר וָוארט, וָואס אִיז אַרוֹיס פוּן מוֹיל,
פְּלֶעגט דֶעם שׂוֹנֵא טְרֶעפֶען ווִי אַ קוֹיל.
נִיט גֶעלָאזט זִיךְ אִין דֶער קַאשֶׁע שְׁפַּייעֶן,
שׂוֹנְאִים פְּלֶעגֶען פוּן זֵיי דִי עֶרד קַייעֶן.

# ב.

אַט צוּ דִי מַשְׂכִּילִים, וָואס אִין יֶענֶע יָאהרֶען,
אִיז אוֹיף סְטַאנצְיֶע דֶענסמָאל יוּדֶעלם וַוייבּ פַּארפָאהרֶען.
דָא אִין אוּנזֶער מַעֲשֶׂה מוּז מֶען צְווִישֶׁען
וָוערטֶער אִיבֶּער אִיהר אַפָּאר אַרַיינמִישֶׁען.
זִינט זִי הָאט צוּשְׁפִּילֶען אוֹיפגֶעהֶערט אַרָאליֶע,
הָאט בֶּעקוּמֶען סְפַּאזמֶע אוּן אַמֶעלַאנכָאליֶע,
אִיז זִי, נֶעבִּיךְ, גָאר גֶעלֶעגֶען טוֹיט צוּ בֶּעט,
אָהן אַסִימָן לֶעבֶּען ווִי אִין הִינֶערפְּלֶעט,
אִיז גֶעוָוארֶען אַפְּגֶעלָאזט אוּן פוֹיל,
אוּן גֶעעֶפֶענט זֶעלטֶען נָאר דָאס מוֹיל.
סְ׳הָאט אוֹיף אִיהרֶע פְרַיינד גֶעצִיטֶערט סְ׳לַייבּ-
סְ׳עֶקט זִיךְ שׁוֹין דָאס לֶעבֶּען יוּדֶעלס וַוייבּ.
שְׁכֵנִים שִׁיקֶען שׁוֹין צוּ יוּדלֶען שְׁלוּחִים,
פָארצוּלֵייגֶען אִיהם מִיט זֵיי שִׁידוּכִים.
סְ׳אִיז אִיהר לֶעבֶּען אוֹיף אַהָאר גֶעהַאנגֶען,
נִיט גֶעווּאוּסט, אִין הוֹיז וָואס פָארגֶעגַאנגֶען;
נִיט גֶעווּאוּסט, גֶעשֶׁעפְטֶען יוּדֶעלס ווִי עָס גֶעהן,
דִי עֲסָקִים אִין מַאיָאנטֶעק ווִי עָס שְׁטֵעהן.

יודעל פלעגט פון איהר זיך אלץ בעהאלטען,
עצות מיט איהר מעהר זיך ניט געהאלטען.
ניט געוואוסט גאר האט זי פון דער צרה —
ס'האט פון איהם אתל געמאכט דער שררה.
נאר אז יודעל, ביים געזעגען זיך,
טהוט א הייסען קוש זי אין דער גיך,
האט זי ווי פון שלאף זיך אויפגעהאפט,
ס'האט איהר ווי א האמער ס'הארץ געקלאפט.
ס'איז איהר פארגעקומען משונה ווילד,
עפים שטעהט פאר איהר א שרעקליך בילד:
חרב איז אלסדינג, פארברענט און וויסט,
גרויסע הויפענס אש און בערגלעך מיסט,
טויט אומטום, קיין לעבעדיגע נשמה,
ביזע שטילקייט ווי נאך א מלחמה!
זי, אלמנה, אהן דעם מאן דעם ליבען
און א יתומה ס'טעכטערל — איז געבליבען.
ס'ציטערט איהר פאר קריינקונג ריק-און-לענד,
קייקעלט זיך אין אש און ברעכט די הענד,
וויינט און יאמערט מיט א שווער געמיט:
„יודעל, פאר וואס האסט זיך ניט געהיט!
ניט געפאלגט, אך, האסט-דו מיינע ווערטער,
זיך ארומגעשלעפט אין שלעכטע ערטער!
ווען דו זאלסט געוועזן יא הערען מיינע רייד,
וואלט דאך ניט געטראפען אונז אזעלכע לייד.
ניט אזוי אויפ'ן הויז, אויפ'ן מויער,
וויין איך דא אזוי און טרויער.

וָואס אַרט מִיךְ הָאלץ, וָואס אַרט מִיךְ שְׁטֵיין? 11)
עָס אַרט מִיךְ דוּ נָאר, דוּ אַלֵיין.
נָאר אויף דִיר דָא יָאמֶער אִיךְ אוּן וֵויין,
וואו אִיז הִין גֶעקוּמֶען דֵיין גֶעבֵּיין?"
ס'הָאבֶּען נִיט גֶעטְרִיקֶענט אִיהר דִי אויגֶען,
ס'הַארץ צוּ יודֶלען הָאט אִיהר שְׁטַארק גֶעצויגֶען,
לֶעבֶּען הָאט אִיהר יוּדֶעלם קוּשׁ גֶעבְּרַאכט
ס'צִינדט זִיךְ אָן אִיהר הַארץ, זִי בֵּיינקט און טְרַאכט.
ס'קֶען אַ קוּשׁ אויפְוֶועקֶען אָפּט גֶעפִיהלֶען,
ס'זָאל אוּנמֶעגלִיךְ גָאר זֵיין זֵיי צוּשְׁטִילֶען.
גִיט אַמָאל אִי שְׁטַארקֶע אָנצוּהֶער'נִישׁ,
בַּאכט אִין הַארץ אַ גַאנצֶע אִיבֶּערקֶעהר'נִישׁ.
ס'פִּיקט אַ קוּשׁ אִין הַארצֶען וִוי דִי מִיקֶע,
ס'אִיז דָאךְ דָא אַ מִיתָה אויךְ בִּנְשִׁיקָה.
יודֶלען נִיט פַארלָאזְען אִין דֶער נויט,
אִיהם אויפזוּכֶען לֶעבּ'דִיג אָדֶער טויט.
וֶוערֶען זָאל עֶר פוּן אִיהר נִיט פַארלוירֶען,
הָאט זִי בַּיי נֶאֱמָנוּת זִיךְ גֶעשְׁווארֶען.
זִי פַארקַאטשֶׁעט טַאקִי בַּאלד דִי פָּאלֶעם,
און זִי לָאזט זִיךְ גֵעהן אָפְּרִיכטֶען גָלוּת.
אִיז גֶעגַאנגֶען, גָאר אָהן רוּה אַבִּיסֶעל,
און פַארגַאנגֶען בִּיז צוּם פָּרִיץ'ס שְׁלִיסֶעל.
בַּיי מַשְׂכִּילִים אִיהרֶע קְרוֹבִים דָארט,
זִיךְ גֶעפוּנֶען אויף אֵיינשְׁטֵעהן אַן-אָרט
נִיט גֶעוֶוען, חָלִילָה, זֵיי קֵיין לַאסט
אַדְרַבָּה, גָאר אַן-אָנגֶעלֵייגטֶער גַאסט

זִי איז זֵיי גֶעוֶועֶן זֵעהר לִיבּ אוּן טַייעֶר
אוּן גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען גֶערן פַאר אִיהר אִין פַייעֶר. [12]
אִיהרם אַ „קָרבַּן־מִנְחָה“ אוֹיפצוּהֵייבֶּען,
זֶוענֶען זֵיי גֶעגַאנגֶען צְווִישֶׁען לֵייבֶּען. [13]
אוֹיף נֶאֱמָנוּת הָאבֶּען זֵיי גֶעשְׁוָוארֶען,
נִיט קַיין מִיה פוּן יוּדֶעלם וֶועגֶען שְׁפָּארֶען.
אַז אִין תְּפִיסָה זָאל עֶר לַאנג נִיט זִיצֶען,
סְ'זָאל אֲפִילוּ דוּנֶערֶען אוּן בְּלִיצֶען.

## ג.

דִי מַשְׂכִּילִים׳ס הויז אִין יֶענֶער צַייט
אִיז אַ קְלוּבּ גֶעוֶוען פַאר חֶבְרָה־לַייט,
וָואס אויף זֵיי אַרוֹיס אִיז אויך אַ צָארן,
און אַהֶער אִין קַאנט פַארשִׁיקט גֶעוָוארֶען.
יוּדֶעלס לַאגֶע הָאט וִוי פַייֶער זֵיי גֶעבְּרֶענט,
אַלֶע הָאבֶּען דָאך זַיין טַאטֶען גוּט גֶעקֶענט.
אֵיינֶער דָארטֶען פוּן דִי גְרֶעסטֶע גַייסטֶער,
וִוי כָּל־יָמָיו וָואלט עֶר גְ׳וֶוען שְׁטַאל־מַייסטֶער,
הָאט דֶערצֵיעהלט פוּנ׳ם „אַלטֶענס״ רַייטוָואגֶען. 14)
זַיין „טְשֶׁעטוָוארקֶע״* פֶערד, וָואס לוֹיפֶען, טְרָאגֶען,
הִין־און־הֶער וִוי בְּלִיצֶען, מִיט הֲוָיוֹת,
עַכטֶע לֵייבֶּען, אָדלֶער, ווִילדֶע חַיוֹת.
אַט אַזוֹי צוּם זוהן אִין יֶענֶע יָאהרֶען
פְלֶעגט עֶר קוֹמֶען עֶקסטְרַא פְלִינק צוּפָאהרֶען.
פוּנ׳ם „בֶּן־אָדָם׳ס״ מַעשׂוֹת, גָאר אַנטִיק,
פְלֶעגט צוּקוּמֶען יֶעדֶען גְ׳זוּנט אַ שְׁטִיק.
אויך אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ מָשָׁל־זָאגֶער, 15)
אִי אַ טְרֵייסטֶער, אִי אַ קְלָאגֶער.

טרייסטען פלעגט ער יודלען אין זיין צרה,
אז ער וועט נאך לעבען ווי א שררה;
וועט אין זיין מאיאנטעק קריק זיך קעהרען.
לעבען גליקליך, פרוכפערן זיך און מעהרען; 16)
וועט אפבויען זיך און זייהען פעלדער,
זיצען זיכער, שלאפען אין די וועלדער; 17)
זיך פערזאמלען וועט נאך זיין משפחה,
מירצה־שם מיט מזל און מיט ברכה.
און ער האט געגלויבט אזוי דרי'ן פעסט,
אז אויסמאהלען פלעגט ער פאר די געסט
ווי אויסמויערן יודעל וועט אויף ס'ניי
פינקטליך נאכ'ן פלאן נאך זיין געביי. 18)
אויך געוועזן איז יענער קלוב אן־ארט,
ריידען אפטמאל פון פאליטיק דארט.
זאגען פלעגט מען דארטען מדינות
אי אויף שררות, אי אויף מדינות.
און דער גרעסטער גאר פון יענע לייט,
גוט געקענט דאס לעבען, ארט און צייט,
גיט אט אנצוהערניש, זעהר פארשטעלט, 19)
טהאן וואס וועט זיך שפעטער אין דער וועלט.
לויט ער רעכענט, חשבונט אויף זיין גאנג, 20)
דארף זיין פריץ זיך ניט האלטען ל···
האט מיט איהם אינגאנצען שוין געעקט,
און מלחמות שטארקע נאך געשמעקט.
עד־היום איז גאר ניט צופארשטעהן,
ווי אלסדינג ער האט פאראויס געזעהן.

ס׳איז דער קאפ העט-העט ווייט איהם געפלויגען,
מדינות איהם געשטאנען פאר די אויגען.
צובעהאלטען זיינע פרייע רייד,
איז דער משל תמיד זייער קלייד.
שררות, בלוטפארגיסער און הילטאיעס,
הייסען אלע ביי איהם – בהמות, חיות. 21)
איבער לייבען רעדט ער, לעמפערטען, בערען, 22)
ווי זיי רייסען, פרעסען און צושטערען.
אויך איז דא ביי איהם א ווילדער קאבאן
אי א צאפ מיט הערנער און א באראן. 23)
און די שלעק, צו אלדע שווארצע יאהר,
רוהען ניט און ראסטען ניט א קאפ,
רייסען, בייסען זיך בעשטענדיג נאר,
טראך אהין, טראך אהער – און חאפ-לאפ! 24)
מ׳שמיעסט, אז דער גרויסער דיפלאמאט
האט אמאל זיין פריץ דעליקאט,
ווען דר האט אויף עפים זיך געקלאגט,
אט אזוי אן-עצה איהם געזאגט:
„כדי אויף דיר אויסגיסען זאל זיך ניט די באד,
זאלסט-דו טהאן מיט ארמע חסד און גענאד״. 25)
פון די אלע ארמע האט ער גיכער
יודלען, נעביך, דא געמיינט גאנץ זיכער.
חברה איז געווען פאר יודלען גרייט
לייגען אין דער לענג זיך, אין דער ברייט.
וועגען זייער בילדונג, גרויסע תקופות, 26)
האט דארט יודעל ניט געליטען רדיפות.

מְ׳הָאט גֶעמוּזט אִיהם פַאר אַ מֶענש בֶּעטְרַאכטֶען,
לְפָנִים חָאטש, גְרָאב אִיהם נִיט צוּפַארַאכטֶען.
חָאטש עֶר הָאט מִיט׳ן וַוייבּ זִיךְ אִיבֶּערגְ׳בֶּעטֶען
אוּן זִיךְ נִיט גֶעוָואלט מֶעהר מִיט אִיהר גֶט׳ן,
הָאט עֶר דָאךְ מִיט אִיהר, צוּלִיבּ דֶעם עוֹל,
נִיט גֶעקֶענט זִיךְ אָפּט זֶעהן וִוי אַ־מָאל.
וִוי אַ־מָאל, הֶעט־הֶעט אִין אָנהוֹיבּ גָאר,
נָאךְ דֶער חֲתוּנָה עֶטלִיכֶע יָאהר.
צָרוֹת הָאבֶּען אִיהם דֶעם קָאפּ פַארשְׁלָאגֶען,
אִיז גֶעוֶוען אִין דֵייזֶע בָּארשטש פַארטְרָאגֶען.
דָא לוֹיף
אִין הוֹיף,
פַאר דֶעם פָּרִיץ הַאלט דָאם הִיטֶעל,
דָא צוּטְהָאן הָאבּ מִיט׳ן „פְּרַאוִויטֶעל“.
רִיק אַ גְרָאשֶׁען אִיהם אִין הַאנד אַרַיין
דִי כַּפָּרָה פַאר דִיר זָאל עֶר זַיין.
יוּדֶעל מוּז אֵין־בְּרֵירָה גוֹי׳ִשׁ רֵיידֶען,
אוּן זִיךְ מִיט זַיין יוּדִישׁ לָשׁוֹן שֵׁיידֶען. 27)
הָאט גֶעפְּלַאפֶּעלט גוֹיִעשׁ וִוי עֶר קֶען,
נָאר אַ בֶּעבֶּען שֶׁפִּים אִיז עֶם גְ׳וֶועז. 28)
יוּדֶערם לָשׁוֹן וֶוערד, כְּפִי אוּנז גֶעפֶעלט,
זינט דֶענסמָאל אַ זְשַׁארגָאן אִין דֶער וָועלט.

## ד.

אין דער וועלט דא האט אלסדינג אן-עק,
מיט דער צייט פליהט גוטס אי שלעכטס אוועק.
איידער נאך מען טהוט א בליק,
פליהט ווי רויך אוועק דאס גליק.
ס׳מזל דרעהט זיך ווי א ראד ארום,
און עס קעהרט א וועלט מיט מענשען אום —
הויכע — נידריג טיף אראפ,
נידריגע — ארויף מיט׳ן קאפ.
אויך פונ׳ם פריץ, שטארק און רייך,
האט זיך אויסגעלאזט א טייך.
אויפגעשטאנען איז א גרויסער דוקעס,
איהם איז ניט געפעלען הוקעס-פוקעס,
אלע מעשים פון דעם פריץ ביז אצינד,
האט זיך אפגערעכענט מיט איהם פאר די זינד,
אפגענומען ס׳כשר ניט פארדינטע גוט,
און ניטא דער פריץ, און ניטא דער קנוט!
יענער דיפלאמאט, אזוי איז דא א קלער,
האט געמיינט דעם דוקעס מיט׳ן נאמען בער. (29

אִין זַיין צַייט דֶער דוּקֶעס, ווִי מִיר הֵייסֶען,
הָאט מָשִׁיחַ אִין דֶער וֶועלט גֶעהֵייסֶען. 30)
ס׳אִיז דֶעם פָּרִיץ׳ס פַאלשֶׁער גְלוֹיבֶּען
שְׁטַארק אִיהם נִמְאָס,
אוּן פוּן אוּנזֶער חֶבְרָה מַאכט עֶר
גָאר אַ צִימֶעס. 31)
מַאכט פוּן זֵיי דֶעם גְרֶעסטֶען גְרֶעסֶער נָאךְ,
אִין הוֹיךְ בַּיי אִיהם וֶוערד עֶר גָאר כָּל־וָלָךְ. 32)
יוּדֶעל גִיט צוּם דוּקֶעם אוֹיפִ׳ן פָּרִיץ אַיין,
אוּן פֶּערלַאנגט, אַ גוֹאֵל זַיינֶער זָאל עֶר זַיין.
חֶבְרָה הָאט אַבִּיסִיל אוּנטֶערגְוַוארמט,
ס׳הָאט דֶער דוּקֶעם אוֹיף אִיהם זִיךְ דֶערבַּארמט.
אַנדֶרע זָאגֶען, חֶבְרָה הָאט עֶם אָנגֶעמַאכט,
זֵיי נָאר זֵיי דִי יְשׁוּעָה הָאבֶּען אִיהם גֶעבְּרַאכט.
זַייעֶר לוֹיב צוּלִיבּ, וָואס צוּם שַׂר אָנגֶעקוּמֶען,
דְרִיבֶּער הָאט עֶר גוּט מִיט יוּדלֶען זִיךְ בֶּענוּמֶען. 33)
מֵילָא, דִי פִּלְפּוּלִים אַלֶע, זֵיי פַארגֶעסט,
אַט וָואס ס׳זָאגט דֶער דוּקֶעם אִין זַיין מַאנִיפֶעסט:
„אִיךְ מִיט גָאטס גְנָאד דוּקֶעם גְרוֹיסֶער,
אִין דֶעם שְׁלִיסֶעל מַיינֶעם — קֵיסֶר,
וִויל, וָואס גָאט גֶעבָּאט מִיר פָּאלגֶען טְרַיי —
יוּדֶעל זָאל אַרוֹיס פוּנדַאנֶען פְרַיי.
אִין דֶערהֵיים בַּיי זִיךְ גָאר אוֹיף דָאס־נַיי,
לָאז עֶר דַארט אַפבּוֹיעֶן זַיין גֶעבַּיי.
אִין דִי עָרטֶער, וואו עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפגֶעהַאלטֶען,
לָאז מֶען אִיהם מִיט גָאלד אוּן זִילבֶּער אוּנטֶערהַאלטֶען". 34)

## יודעל

יודעל האט פארנומען גאנץ געשווינד
אלע זיינע קלומקעס, ווייב און קינד,
זיך געמאכט אינגאנצען גרייט,
געהן א היים געזונטערהייט.
יעדער זעגענט זיך מיט איהם גאר פיין,
און גיט נאך אין בייטעל איהם אריין. (35
די גערויבטע כלים אין זיין הויז אמאל,
גיט ארוים דער סקארב איהם אלע מיט א צאהל. (36
אויף די פלייצעס, יודעל נעהם די פים און געה,
פאהר געזונט מיט מזל און פיל גליק - אדיע!

## ה.

צוּדערצעהלען דאָ די וואונדער,
יודעלם מיה, אַלסדינג בעזונדער,
וויפיל צייט עס האָט געדויערט
ביז ער האָט זיך אויסגעמויערט–
אויסצורעכנען אַלץ ביז אויף אַ האָר,
וואָלט די מעשׂה ציהען זיך אַ יאָהר.
מילא דאָס שוין אין דער זייט,
ליידען קענען ניט פיל לייט
זעהן אַ זאַך בּשעת'ן צוּבּרייטען,
ליב צוקומען נאָר צום גרייטען.
„נעהם דאָס איי, שעהל עס אָפּ,
לייג עס אונז אין מויל אַריין,
צוּ וואָס דולען אונז אַ קאָפּ,
אונז אומזיסט מטריח זיין?“
יודעלם מיה בּיים בּויען וואָס־זשע זעהן?
גלייכער אין זיין פאַרטיג הויז צוגעהן.

פון דעם הויז צום ערשטען — קיין פערגלייך!
יודעל איז ווי פריהער מעהר ניט רייך.
מ'זאגט: חנכת־הבית־טאג
איז געוועזן א יאמער און א קלאג.
מ'האט דערמאהנט זיך יענע גוטע צייט,
און דאס ווייגען האט געהערט זיך ווייט. 37)
יודעל איז ניט מעהר אליין א שר,
ס'איז דער דוקעס איבער איהם א האר. 38)
זיצען זיצט ער טאקי אין זיין גוט,
נאר געגאנגען איהם איז דאך ניט גוט. 39)
האט געהאט זעהר פיל צוזארגען,
קאפדארנעש צולייען, בארגען. 40)
מיט דעם ווייב פארברייגען זיך די צייט
דאס — א קאטא! ניט פאר ארמע לייט.
וועגען וואס דער ארמער דיינקט — איז ברויט,
דיינקט, ווי מ'ווערד בעפרייעט פון דער נויט.
קיין טאנץ, זאגט מען, געהט פאר'ן עסען,
הונגריג — קען מען אלץ פארגעסען.
דריבער דארף ניט קיינעם זיין א וואונדער
יודעלס האלטען זיך פונ'ם ווייב בעזונדער.
וואלט געקענט גאר בלייבען אהן א העמד,
און צום ווייב ווי פריהער אפשר פרעמד,
ס'זאל צו איהם ניט אין דער שווערער צייט
קומען איינער פון די חברה־לייט.
גוט געוועזן איז יענער אהן א פעהלער,
גוט און פרום, דער גרעסטער גאר שריפטשטעלער. 41)

אי א למדן אי א מאן פון וועלט,
איהם צו תורה חכמה ניט געפעהלט.
דער אלטער רבי מיט די ביינער גאר,
עס זאל אפילו פעהלען דאס א האר! (42
יודעלס לאגע בעסער כדי צומאכען,
האט ער איינגעפיהרט פיל גוטע זאכען.
ס'איז געוועזען זיין ערשטע בעסטע מלאכה,
יודעלס ווייב פארריכטען די מערכה.
הערען אין הויז לאז מען איהרם א ווארט
און די דעה האבען לאז זי דארט.
ווייטער: ס'האבען יודעלס אינטערעסען
איהם געצווינגען זיין לשון צופארגעסען,
און אויף גוי'יש, לאז ער מוחל זיין,
האט ער דאך גערעדט ניט עפים פיין
דריבער האלט עס יעצער שטארק פאר נעהטיג,
אויסצוהיילען יודלען אט דעם וועהטיג,
און ער נעהמט זיך גאר פון אלע זאכען
צופארשטעהן איהם געבען ביידע שפראכען. (43
היידען ריכטיג
איז זעהר וויכטיג.
יענער האלט פאר וויכטיג אי דאס נאך
אז ווי יודעל זאל ניט זיין פארנומען,
אויף אסיפות פארט דריי מאל אין וואך
מיט'ן ווייב איז מחויב ער צוקומען. (44
ס'איז ביי יודלען אין דער היים
איינגעפיהרט געוועזען א סיים, (45

אִין דֶעם גוּט אַרוּם
רִיכטֶער אוּמֶעטוּם. 46)
הָאוּ עָס זֶענֶען מֶענשֶׁען, דָא אִיז שְׁטְרַייט,
גָאט אִיז, זָאגט מֶען, הוֹיךְ, דֶער פָּרִיץ וַוייט.
בִּיז עָס שְׁפַּארט אָן צוּ דֶעם שְׂרָרָה,
וֶוערד מֶען דִי כַּפָּרָה
כְּהָאן אַלֵיין אַלסְרִינג אִין לַאנד,
אִיז דֶער שְׂרָרָה נִיט אִין שְׁטַאנד;
וִוידֶער־זְשֶׁע אִיז שְׁלֶעכט,
אוֹיף בֶּעאַמטֶע זִיךְ פַּארלָאזֶען,
מְ׳וֶוערד בַּיי זֵיי אַ קְנֶעכט,
אוּן זֵיי וֶוערֶען שְׁטַארק צוּלָאזֶען.
כְּדֵי דֶער וָואגֶען זָאל זִיךְ רִיהרֶען,
נִיט פַארקְרִיכֶען אִין אַ גְרָאבֶּען,
מוּז מֶען פוּן דֶער קֶעלנֶיע פִיהרֶען,
אוֹיף דִי פֶערד הַשְׁגָחָה הָאבֶּען.
סְ׳הָאט אַ חָכָם, שְׁטַארק גֶעלֶעהרטֶער,
שׁוֹין גֶעזָאגט דִי קלוּגֶע וֶוערטֶער:
„וֵועה דִיר, לַאנד, דַיין קֶענִיג וָואס אַ קְנֶעכט,
אוּן בֶּעאַמטֶע פִיהרֶען זִיךְ אוֹיף שְׁלֶעכט,
עָסֶען, זוֹיפֶען אָהן שׁוּם מֵיה
בַּאלד בַּיים אוֹיפשְׁטֵעהן אִין דֶער פְרִיה.
וואוֹיל דִיר, לַאנד, דַיין קֶענִיג וָואס אִיז פְּרַיי,
אוּן בֶּעאַמטֶע דִינֶען דִיךְ גֶעטְרַיי,
עָסֶען צוּ דֶער צַייט מִיט אַפֶּעטִיט,
אוּן פַארבְּרֵיינגֶען צַייט מִיט טְרִינקֶען נִיט". 47)

יוּדְלֶען וֶוערְד דורךְ בְּרַאוֶוע לַייט נֶאֱמָנִים
פְּרַייְ דֶער קָאפּ, בֶּעקוּמְט אַן-אַנְדֶער פָּנִים.
הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטֶען תַּכְלִית-זַאכֶען,
ווִי אַרוּם אַ גְרַאשֶׁען מַאכֶען.
דְּרֵעהט אַרוּם זִיךְ אִין דֶער וֶועלְט
הַאנדְלֶען אוּן פַארְדִינֶען גֶעלט. 48)

*

יודלען װערד װאס װײטער בעסער,
אלץ װאס װײטער װערד ער גרעסער.
איהם פארגעהט ס'געפיהל
צו די קינדער-שפיל. 49)
ס'קריכט אזױנס איהם שױן מעהר ניט אין קאפּ,
װארפט די קינדערשיכלעך שױן אראפּ.
איז אן-אנדער יודעל גאר געװארען,
טאקי װי מען זאגט — איונג מיט שפּארען.
ס'האט דער טאטע איהם די זינד פארגעבען
און א „קול" פון זיך צו איהם געגעבען. 50)
אבער װאױנען בײ איהם װי פארצײטענס —
ניין! איהם ליב געהאט נאר פונדערװײטענס. 51)
פלעגט איהם לאזען גריסען אלע צײט
דורך חכמים, לומדים, גרױסע לײט: 52)
„האב דו, יודעל, זאגט איהם, קײן פאראיבעל,
װאס אין פאלאץ לײדיג שטעהט מײן שטיבעל.
ער בעדארף ניט האבען מעהר א היטער,
איז געװארען עלטער און געניטער.

צוּבֶּעטְרַאכטֶען גוּט אַלסְדִינג אִיז עֶר נִיט קְלֵיין,
הָאט אַ קֶעפִּיל, לָאז עֶר דֵיינְקֶען שׁוין אַלֵיין.
מִיט זַיין חָכְמָה לָאז בֶּעקוּמֶען עֶר אַלסְדִינג,
שׁוין גֶענוּג אַ יוּנגֶערמַאן זַיין, לֶעבֶּען גְרִינג.
מֶענשֶׁען וֶוערֶען ווִילד פַארנַארִישׁט, מְשׁוּנֶה פִייל,
פְּלִיהֶען זַיי גֶעבְּרָאטֶנֶע טוֹיבֶּען, שְׂלָו אִין מוֹיל.
אִיבֶּרִיגְנְס הָאט עֶר דָאךְ אַ גוּטֶען רֶבִּין,
ס׳וַוייבּ זַיינְס, דִי חָכְמָה, זָאל לֶעבֶּען!
לָאז עֶר נָאר בֶּעזוּנדֶער
זִיךְ נִיט הַאלטֶען פוּן אִיהר מֶעהר
דַארף עֶר שׁוין קַיין וואוּנדֶער
נִיט, אַזוֹי ווִי בִּיז אַהֶער. [53]
לָאז עֶר זַיין אַ מֶענשׁ אוּן נִיט קַיין שְׁבַּאטֶע,
אַט אַזוֹי גֶעזָאגְט זַיי הָאט דֶער טַאטֶע.
ס׳וַוייבּ בַּיי יוּדְלֶען אִיז גֶעוֶוען דִי נְשָׁמָה,
דוּ אִין סְפָּאדִיק, זָאט עֶר, גֵעה, חָכְמָה!
אִיהר אַקֶעגֶען זָאגֶען נָאר אַ וָוארט,
אִיז עֶר טוֹיטֶען יֶענֶעם גְרֵייט אוֹיפ׳ן אָרט.
ס׳הָאט דִי וֶועלט אַמָאל זִיךְ שְׁטַארק גֶעוואוּנדֶערט,
אוּן זִי חִידוּשְׁט זִיךְ נָאךְ אִי אַצוּנדֶערט.
ווִי אַזוֹי עֶר הָאט פַאר אִיהר מִיט כֹּחַ
גָאר אַ גְרוֹיסֶען שַׂר גֶעפְלֶעט דֶעם מֹחַ.
ס׳אִיז דִי מַעֲשֶׂה אַט אַזוֹי גֶעשֶׁעהן:
יֶענֶער שַׂר, אַ הֶבֶּל׳נִיק גֶעוֶוען, [54]
מְשׁוּנֶה ווִילד אוּן טַאקִי אוֹיךְ פַארִיקְט, [55]
הָאט אוֹיף יוּדֶעלס וַוייבּ זִיךְ גְרָאבּ פַארקִיקְט.

„צֶערֶעמָאנִיֶעם מִיט אַ יוּדִישׁ וַוייבֶּעל!
אוֹיךְ מִיר לַייט! – אַזוֹי־אָט טְרַאכט עֶר זִיךְ –
מִ'רַייסט אַרָאפּ אַזוֹינֶער, מְחִילָה, סְ'הַייבֶּעל!
מִיט אַזֶעלכֶער וֶוערד כֶעֶן פַּארטִיג גִיךְ".
דָא גִיט יוּדֶעל וִוי אַ לֵייבּ אַ שְׁפְּרוּנג,
תַּרְבִּית, פָּרִיץ, לְרַייט עֶר, הַאלט דִי צוּנג!
אוּן דֶערלַאנגט אִיהם טְרַאךְ־טְרַאךְ אִין דִי צֵיין,
אָ־הָא, וִוי עֶר בְּרֶעכט־עֶס אִיהם אַ בֵּיין!
לְכָבוֹד דֶעם וַוייבּ וּלְכָבוֹד אוֹיךְ דֶער נַאצִיֶע
מַאכט עֶר אִין הוֹיז בַּיי זִיךְ אַ לִימִינַאצִיֶע.
זִינט דֶענסְמָאל אִיז בַּיי אִיהם אַבּט טֶעג כְּסֵדֶר
בְּרֶענֶען לִיכטלֶעךְ אַלֶע יָאהר אִין חֵדֶר. *
אָנָא! צוּדֶערצֵעהלֶען הָאבּ אִיךְ פְרִיהר פַארְפֶעהלט,
וִוי מִיט יוּדֶעלס וַוייבּ גֶעוִויגט זִיךְ הָאט דִי וֶועלט.
גָאר אַ גְרוֹיסֶער שְׂרָרָה פוּן אַ וַוייטֶען קַאנט, 56)
הָאט גֶעחַלֶשׁט וֶוערֶען גוּט מִיט אִיהר בֶּעקַאנט.
אִיהרֶע מַעֲלוֹת גְ'הָארכט פוּן אַלֶע זַייטֶען,
לִיבּט עֶר זִיךְ אַיין אִין אִיהר פוּנדֶערוַוייטֶען.
מַאכט עֶר, זָאגט מֶען, גְרוֹיסֶע גָאר הֲכָנוֹת, 57)
שִׁיקט צוּ יוּדְלֶען לַייט מִיט פִיל מַתָּנוֹת,
גְרִיסט גָאר פְרַיינדלִיךְ, לָאזט אִיהם בֶּעטֶען פַיין,
מִיט זַיין כָּבוֹד לָאז עֶר מוֹחֵל זַיין,
אוּן עֶס זָאל אִיהם נִיט זַיין צוּ קַיין לַאסט,
קוּמֶען מִיטֶ'ן וַוייבּ צוּ אִיהם צוּ גַאסט.
אוּן דִי וַוארֶע, וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכט
בְּעֵת דִי גֶעסט עֶר הָאט אָרָאפּגֶעבְּרַאכט;

ווי ער יודעלם ווייב גיט אפ אן-ארט,
און פארצוקערט פשוט איהר׳ם א ווארט,
און די פינגער גאר געלעקט פון איהר –
איז ניט צובעשרייבען אויף פאפיר.
איהרע ווערטער האט מען גוט פארשריבען,
עד היום דארט זענען זיי געבליבען.

דָא אִיז צוּדֶערמָאהנֶען אָרט אוּן צַייט,
אַז פוּן מִינדלֶען אִיז גֶעוָוארֶען לַייט.
אִיז אַ בּוֹגרוֹת, שֵׂכֶל שְׁטַארק בֶּעקוּמֶען,
אוֹיסגֶעוַואקסֶען, לַייב אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען.
שֵׁעהן אֲפִילוּ אִיז זִי נִיט אַזוֹי אוֹיפ'ן קִיק
נָאר אַ מוֹיד, אַי! אָהן עַין־הָרֶע בְּרֵייט אוּן דִיק.
יוּדֶעל הוֹיבּט אָן זִי שוֹין פָּארצוּשְׁטֶעלֶען
אוּן דֶער עוֹלָם פְּלֶעגט פוּן אִיהר אַנְקוּוָועלֶען.
בַּיי אִיהר אִין זַאל הָאט דִי מִהִיר
זִיךְ נִיט צוּגֶעמַאכט, אִי אַלט אִי יוּנג
אַלֶע קוּמֶען גֶערן צוּ אִיהר,
ס'וָועררד נִיט מִיד צוּדַרשׁ'נֶען אִיהר דִי צוּנג.
אוּן וָואס וַוייטֶער וַוייטֶער אַלֶע מָאל
קוּמֶען צוּ אִיהר דְרָשׁוֹת אָהן אַ צָאהל.
אַלטֶע אוּן אוֹיךְ שְׁפָּאגֶעל נַייעַ
מַעֲשׂוֹת, וָוערטלֶעךְ, אָפּט גַאנץ פְּרַייעַ.
פוּן דֶער מוּטֶער הַאלט זִי גָאר פְּלַאם־פַּייעַר
אִיהרֶע וָוערטֶער זֶענֶען אִיהר זֶעהר טַייעַר.

לייגט אריין אין איהרע רייד פיל פשטלעך,
שרייבט פון איהרם א ווארט אן הונדערט בלעטלעך.
איטליכם ווארט איהרם קייעט זי און קייט,
אויסצודרינגען אלץ וואס עס בעטייט.
וואס א פינטעל לאזט מיך הערען
פלעגט זי זיצען אלץ און קלערען.
אט אזוי איז מינדעלם גאנג,
אין דאס מינדסטע פיצעל
זיך אוועקצובאבען לאנג,
זוכען עפים דארט א שפיצעל.
ס'פלעגען פיל דערפון זיך לאכען —
עט, וואס טויג אונז אט די זאכען?!
אלע דרעהדלעך, אלע סברות
טויגען, כ'לעבען, אויף כפרות,
עט, און ווידער טאקי עט!
באכען יענע מיט געשפעט. (59
הויזפריינד, די וואס איבערגעבען
מינדלען מיט דעם גאנצען לעבען, (60
יודלען אויך געליבט, געאכט —
זענען אויף אזא חבריא,
פריינד ניט גוטע, ניט געטרייע,
שטארק געווארען אויפגעבראכט.
מ'הויבט אן קריגען זיך און שרייען,
גרעסער גרעסער ווערד דער שטרייט,
ס'וואקסען וואקסען מיט דער צייט,
ווי דער שטייגער איז, פארטייען.

[illegible]

קומט דער קריג אַריין אין הויז,
גייט דאָס גליק פון דאָרט אַרויס,
ס'ווערט צעריסן די מִשְׁפָּחָה,
און ניטאָ מער מזל־בְּרָכָה.
אַט דאָס טאַקע הייבט אינקורצן
גרויסע צָרות יודלען אָנצוהאַן.

# ח.

אַז געוואָרען יודעל איז אוים עֲרֵדָה,
נאָך דענסמאָל בשעת דער ערשטער צָרָה,
האָבען פאַר אַ פערמער פריצים איהם געמאַכט
און געגעבען זיין מאַיאָנטעק איהם אין פאַכט.
האָט געהאַט אַזעלכע אויף זיך דְרַיי, 61)
ביז געוואָרען פון זיי איז ער פְרַיי.
דעם פאַרריקטען פריץ, יענעם שלאַק,
אַז געגעבען האָט ער איהם אַ פְּסַק,
אויסגעלאָזט צו איהם אינגאַנץ זיין צאָרן,
איז אַליין ער אַ פריץ שוין געוואָרען.
האָט בעקומען אויך אַ גרויסען טיטעל, 62)
שוין געהאַלטען פאַר איהם האָט מען ס'היטעל;
ס'איז אַ צייט איהם זעהר שטאַרק געלונגען,
ס'האָט מיט איהם די גאַנצע וועלט געקלונגען.
צווישען פריצים האָט עס אָנגעמאַכט איהם שִׂנְאָה,
ווי געוועהנליך האָט געהערשט שטאַרק בּיי זיי קִנְאָה.
איינער האָט אין האַרץ געווינשען יענעמס טויט,
דער ביי יענעם אויסגעחאַפּט דאָס שטיקעל ברויט,

ניט דערמיט זיך אנצושעסען ואט,
איהם אבי נאר כדי צושאדען גלאט;
כדי די גאנצע וועלט זאל וויסען,
אז ער קען פיל בלוט פארגיסען.
אז ער, גרויסער גוטבעזיצער,
איז אן-איידעלמאן, א ריצער.
ניט ער ארבייט, ניט ער האנדעלט,
עפים איז אזוינער א קאטאוועס!
מיט כלי-זיין געהט ער, וואנדעלט,
און פארשפארט א גאנג דעם מלאך-המות.
אט וואס פריצים העט פארצייטען
און מלחמות וואס בעטייטען.
איינער מאכען יענעם וויל די קבורה,
כדי ארויסצוווייזען נאר זיין גבורה.
ס'זיצט זיך איינער אין זיין לאנד,
ריהרט א פליג ניט אויף דער וואנד,
טראגט דער רוח אן א שרפה —
און באלד ווערד ער די כפרה.
ס'איז געוועזן א גרויסער עזות-פנים,
אין זיין צייט דער גזלן פון גזלנים,
ווילד געוועזן א שרעק, געזונט און דיק,
מ'האט געציטערט פשוט פאר זיין בליק,
ווי ביים ווילדען חזיר זיינע ציין, 63)
אייזען-שטארקע ווי ער איז אליין.
טאקי חזיר, ווי מיר ווייסען,
האט ער אין דער וועלט געהייסען. 64)

האט די ערד אינגאנצען אויפגעריהרט,
מיט די פיס געטרעטען און א וועלט געפיהרט,
שררות פלעגען קניִען, איהם זיך בוקען,
ניט ארויס פון איהם איז קיינער טרוקען,
האט געוואלט זיין אויף דער וועלט ער איינער,
ער זאל הייסען פריץ, מעהר ניט קיינער.
יודעל, אין די אויגען איהם נאר ווי א דארן,
האט מיט אלע גלייך געליטען פון זיין צארן.
חזיר איז אריין צו איהם אין גארטען
און באלד בעל-הבית געווארען דארטען.
פינסטער יודלען איז געוועזן און ביטער
זעהן דעם חזיר ביי זיך אין די גיטער,
וואס ער האט ערווארבען זיי ניט גרינג,
וואס געקאסט איהם טייער האט אלסדינג.
יודעל האט א הארץ מיט מכות פול,
און פאר צרות איז דער קאפ איהם דול.
נישט געליטען פון די אלע שררות
האט ער ביז אהער אזעלכע צרות.

## ט.

מיט יסורים אז געווען איז יודעל זאט
האט דאס ווייב זיינס נאך א טאכטער איהם געהאט.
קוים געעפענט האט דאס קינד די אויגען
האט עס פון דער מוטערס ברוסט געזויגען.
זעהר פריה איז ארויס עס פון די וויקעלעך,
ניט געוואלט געבונדען זיין מיט שטריקעלעך.
ס'האט געשריגען, ניט געלעגען שטיל,
און די מאמע האט געליטען פיל.
קוים א ציינדעל איז ארויסגעקראכען
האט עס שוין דער מוטערס ברוסט געשטאכען,
און דער מאמע האט פאר גרויסע שמארצען
אנגעהאפט ביים זויגען פאר'ן הארצען.
לאנג געזויגען האט עס ניט די ברוסט,
צוגעוואוינט צו זיך בעקומען לוסט.
ס'האט אין דרויסען זיך ארויסגעצויגען,
און צו פרעמדע אויף די הענד געפלויגען.
מיט דער מוטער, וואס א צנועה,
האט געהויזט די טאכטער ווי ס'איז נאך.

„מילא, מאַכט זי מיט אַ תּנועה,
ס'איז די „אַלטע" פּאָרט אַ מאַמע דאָך.
פּאָרט אַ מאַמע, כאָטש פֿונ'ם אַלטען שניט,
גראָב אַקעגען איהר זיין קען מען ניט
מען מוז אַקעגען צופֿיל צניעות
געבראויכען כאָטש אַביסעל צביעות.
מינדעל אָבער איז איהר ניט געפעלען,
זיך נאָר קריגען מיט איהר פלעגט זי וועלען.
זי געזידעלט ווי דער גרעסטער שונא –
מינדעל איז אַזוינע און אַזוינע!
און אַ צוגאָב נאָך צו די פּאַרטייען
איז געווען איהר קריגען זיך און שרייען.
און פּאַר מעפּיסטאָסיען איז אַ לעבען!
ניזצען הויבט ער אָן דענסמאָל צו וועבען,
יודלען צופּאַרפּלאָנטען גוט אין זיי
אין דעם גרויסען רעש און געשריי.
ווי אַ שלאַטען שמש און אַ וואַנדערער 65)
געהט פֿון איין פּאַרטיי ער צו דער אַנדערער,
געהט מיט רכילות גאָר אַ גאַנצען פּאַק,
ליגענס שיט ער, שיט ווי פֿון אַ זאַק,
ענדערט זיך דעם פּנים און דעם קול,
ווי צום עסק פּאַסט עס איהם אַמאָל.
פּאַר אַ דייטשיל זיך אַמאָל פּאַרשטעל'ט 66)
מיט דער מאָדע ווי אַ מאַן פֿון וועלט.
רעדט אויך גריכיש טאַקי נאָר אַ גרעק,
גאָר אַ גאַנצער פֿילוסוף, אַ שרעק!

ליינט אריסטאטלעס ספרים, 67)
האמערם שירים, שקרים. 68)
פֿאר א פרוש זיך אמאל געמאכט, 69)
און מיט פרושים צייט אין קלויז פֿארבראכט.
טהוט אויף שעהנע שפיצלעך אין דער גמרא,
דרינגט אוים איינם פונ׳ם אנדערן על-פי סברא.
קיינער איז א מחמיר ניט ווי ער,
ס׳איז פֿאר איהם קיין מצוה ניט צושוועה.
„זאגט, רבותי, וואס די שולד איז מיין?
— פֿרעגט ער פרום און קנייטשט דעם שטערען —
זאגט, וואס האב איך עפים מקים זיין?
טהו איך עס, רבותי, גערען. 70)
אייך בעדארף מען הערען ווי א קנעכט,
ווען איהר זאגט אפילו לינקס איז רעכט. 71)
אויף דארויף בעשטעהט עס דאך איינגאנצען:
ווי מען שפילט אזוי בעדארף מען טאנצען”.
שפעטער ווערד ער איבער גאר געביטען,
„וואס געשריבען, זאגט ער, דארף מען היטען
און וואס יענע טראכטען אוים
ווארף בלא בושה עם ארויס,
אויך דעם גיהנם און גן-עדן,
אייך דערמיט וואס מ׳וויל איינרעדען.
יענער טאקי איז גערעכט,
זייט ניט, זאגט ער, ווי די קנעכט,
וועלכע דינען נאר דעם האר
אין דער האפנונג נעהמען שכר. 72)

ניט אַזוי אַ צַדיק איז מען, ניין!
„צַדיק״ דינט לְשֵם מִצְוָה נאר אַליין״. 73)
און אַמאָל בּעקומט ער גאר אַ פָּנים
ווי אַ „חָסִיד״ נאר, פון יָמִים וְשָנִים. 74)
ווייס געקְלֵיידט, אין צעהנטען איינגעבויגען,
מאכט כַּוָנוֹת, גְלאצט אַי מיט די אויגען.
בְּשוּתָפוּת מיט חֲסִידִים לעבּט ער פְרַיי,
און עם גילט בַּיי איהם שטַארק דאָקטערַיי.
היילט מיט שֵמוֹת אַלע וואונדען,
מיט מַלְאָכִים אויסגעבּונדען.
מעפיסטאָפעלע, ער הַכְּלָל
אַרבּייט, אויף אַ גאנג ניט פויל,
רְכִילוּת דא בּיי איהם אַ קְנַאל
און צום ריידען אויף אַ מויל.
רעדט פאר דייטשען אויף לַמְדָנִים:
„צאַפּעס זענען די בַּטְלָנִים,
מִ׳האט פון זיי קיין מִילך, קיין וואָל,
און זיי גיב-גיב אָהן אַ צאָהל!
אָפען זאג איך, כ׳וועל מיך גאר ניט שעמען,
ס׳גאַנצע לומדיש מעג דער רוּחַ נעהמען.
שפּין-געוועב אויף צָרוֹת
זענען די בּויך-סְבָרוֹת,
און די דִינִים
אַלע מִינִים.
פְלִיגען, וועט איהר, און די שפינען
צווישען מענשען אויף געפינען.

בײַ זיך װענען יענע שטאַרק פֿאַררִיסען,
װאָלטען װי אַ הערינג אײך צערִיסען.
נאָר דערפֿאַר, װאָס עטץ קוקט אין אַ בִּיכעל,
און אין קעשענע שבת טראָגט אַ טִיכעל.
װײַל עטץ אױסגעקעמט איז נאָבעל,
און עסט פֿרײַטיג צונאַכט קײן קנאָבעל!
מײנען, גאָט איז זיך גאָר מחיה, קװעלט,
װאָס אַזױנע האָט ער אױף זײַן װעלט.
מײנען, אַז דער עיקר גאָר
פֿון בעשעפֿניש אַלערלײ,
טאַקי איז דאָס מענשיל נאָר,
און פֿון מענשען — װענען זײ.
זײ מִיט די הװיות
גיבען גאָט צו חיות.
מײנען, אַט דערמִיט
גאָט אַ מענטליך אָנצוטהאָן.
כּ׳לעבען, האָט מען ניט
קודשא־בּריך־הוא װאָס צוטהאָן!״
דאָ געעקט — אַ שפּרונג צו לומדים דאָרט,
רעדט אױף דײַטשען אױס װאָס אין דער קאָרט:
„אױ, משטײנס־געזאָגט, די היגע דײַטשען!
קענען ניט קײן עברי, ניט פֿאַרטײַטשען,
זײער חכמה איז נאָר פּלאַפּלען, רײדען,
לאָזען װי די גױים שעהן זיך קלײדען,
טראָגען מאָדנע הױזען מִיט אַ רעקיל
געהן אַפֿילו שבת מִיט אַ שטעקיל.

הַאלטֶען שְׁטַארק פוּן יֶענֶער נָאר מֶעטָאדֶע –
קְלוּג אוּן גוּט אוּן שֵׁעהן אִיז וָואס דִי מָאדֶע.
קוּמט אַרוֹיס אַ מָאדֶנער מִין גֶעדַאנק,
מַאכֶען זֵיי דֶערמִיט דִי וֶועלט שׁוֹין קְרַאנק.
סְ'אִיז אַ לְיַארֶעם אוּן אַ גֶעפִּילדֶער,
וֶוער עֶס פִּילדֶערט נִיט אִיז אַ ווִילדֶער.
סְ'מֶעג נִיט הָאבֶּען יֶענֶע זַאךְ אַ זִין,
וֶוערד עֶס הֵיילִיג, לְהַבְדִיל, וִוי אַ דִין.
מֵיינט אִיהר אֶפְשַׁר, אַז סְ'גֶעשְׁרֵיי גֶעוֶועהרט?
בָּארגֶען שְׁרַייעֶן אַלֶע פּוּנקט פַארקֶעהרט!
סְ'קוּמט אַ שְׁפָּאגֶעל נַייֶע זַאךְ אַרוֹיס,
וָואס אַ נַאר אַ חָכָם טְרַאכט זִיךְ אוֹיס
וֶוערד פַארוָוארפֶען יֶענֶע מִיט גֶעשְׁרֵיי
אוּן דִי תּוֹרַת לָאקשֶׁען וֶוערד בַּיי זֵיי
„פַאנַאטִיקֶער" רוּפט אַייךְ בַּיי זֵיי גְרוֹיס אוּן קְלֵיין,
וַוייל אִיהר הַאלט וָואס גְרוֹיסֶע שְׁרַייבֶּען פָאר,
נִיט צוּ־ווִיסֶען, אַז דָאס וֶוענֶען זֵיי אַלֵיין,
וָואס בַּיי זֵיי אִינגַאנצֶען אִיז פְּרֶעמדס נָאר.
אַייךְ אִיז אַייעֶרם אוּן אוֹיךְ אַלטס זֵעהר לִיבּ,
זֵיי פַארקֶעהרט, נָאר פְּרֶעמדס, נָאר נַייעֶס גִיבּ.
מֵיינֶען, אַלץ וָואס אַלט אִיז נַארִישׁ, שְׁלֶעכט,
אוּן אַלסדִינג וָואס נַיי אִיז קְלוּג אוּן רֶעכט.
אַלטֶע הָאבֶּען נִיט בַּיי זֵיי קַיין פָּנִים,
הַאלטֶען זֵיי פַאר ווִילדֶע גָאר נַארָנִים.
סְ'אִיז פוּן זֵייעֶר זִיךְ־בֶּענֶעהמֶען נִיכֶּר,
אַז אִינגַאנצֶען וֶוענֶען זֵיי דֶער עִיקָר,

און איהר ווענט גאר איבעריג, אלטע סקראבעס,
אט דאס זאגען זיי, די דייטשען, דראבעס.
פיל נאך ערגער וועגען די חסידים,
מיינען, אז זיי וועגען גאטס בני יחידים,
די מלאכים וועגען עם בעשאפען,
נאר כדי צובעדינען זיי ווי שקלאפען.
שפאנען איין זיי ווי די בהמות,
טרייבען אן זיי מיט די שמות:
היידא! פליהט גאלאפ, גאלאפ,
פלינק טהוט אונזער ארבייט אפ!
איהר ביי זיי ווענט קיין פארנעהם,
קאלטע מענשלעך אהן שום פייער,
אייער „ביצה", למשל, כ'נעהם,
איז ביי זיי ניט ווערט קיין דרייער.
פייער, וואסער וועגען זאכען
לייב און נשמה ריין צומאכען.
ס'דארף, לויט זיי, דער מענש זיין פייער־היים,
ס'פנים אויסגעפריעט ווי א צימעס,
פאר התלהבות אפגעהן אזש מיט שוויים,
ס'איז אזא שעהן פנים'ל גאט ניט נמאס.
לאמיר נעהמען ווייטער נומער צוויי:
וואסער! האלטען זיי אין איין געשריי.
ס'איז פארשמירט די נשמה, איז קראנק מסכן,
מ'דארף אין וואסער טוקען זיך און טוקען.
איז ווי פורפעל רויט די זינד,
ווערד זי וויים ווי שנעה אצינד.

לויפען פריה אין וואסער מיט׳ן בעגין,
אט וואס פליאסקעדריגעס ליגט אין זין!
ווילען טובלען אלע אין זיבען וואסערן,
ס׳פעהלט ניט מעהר ווי אויך די זון צוכשר׳ן.
דא געשקט – א שפרונג צו די חסידים דארט,
רעדט אויף אלע אנד׳רע אוים וואס אין דער קארט.

בֶּעפּיסטָאסיֶע, וָואס מִיט יודלֶען פְּרִיהר גֶעעֶקט,
דורך דִי דְרַיי גֶעוִויסֶע שְׁוֶוערֶע זִינד, 76)
הָאט דִי עָרגסטֶע-שִׂנְאַת חִנָם, אִיצט דֶערוֶועקט,
און דֶערמִיט פַארזוּמגְלִיקט אִיהם אַצִינד. 77)
מִ'קְרִיגט זִיךְ, מִ'הָאט זִיךְ פַיינט אַשְׁרֶעק!
דֶער אויף יֶענֶעם הויבט אויף זַיינֶע הֶענד,
דֶער אויף יֶענֶעם שְׁפַּייעט קְלֶעק,
ווִינְשׁט אִיהם: בְּרֶעכֶען זָאל עֶר רִיק און לֶענד.
קְרִיג און שִׂנְאָה הָאבֶען זִיךְ פַארמֶעהרט,
אֵיינֶער ווִיל דָאס, יֶענֶער פּונקט פַארקֶעהרט.
אֵיינֶער זָאגט נַאכט, זָאגט דֶער צְוֵוייטֶער טָאג,
דָא אִיז שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן, דָארטֶען קְלָאג.
יודֶעל גֶעהט שִׁיער נִיט אַרָאפּ פון זִינֶען
און עֶר קֶען קֵיין רוּה זִיךְ נִיט גֶעפִינֶען.
און דֶערוַוייל‍ֶע ווִי עֶר הָאט גְרִיזָאטֶע
אִיז אַרוּם דֶער חֲזִיר פון זַיין בְּלָאטֶע,
רִיהרט-אויף יודֶעלס פֶערמֶע מִיט זַיין צָאהן,
און צוּבַּייבֶען ווִיל עֶר אִיהם ווִי מָאהן.

ס'רודפט איהם דער פיינד אלץ מעהר
ביז עס ווערד איהם שרעקליך שווער.
מיר אין מיין דערצעהלונג איז צוא׳ייגג,
צובעשרייבען דא דעם שונא׳ס גיינג,
ווי ער האט פון אנהויב אן
צרות יודלען אנגעטהאן.
מ׳קען גאר זאגען: וואס איז ס׳פאר א גאנג
אונז אפהאלטען מיט א מעשה לאנג!
שא, כ׳בין מקצר, ליבע יודען!
לאזט, רבותי, מיך צופרידען.
בקיצור, יודעל איז געשטאנען שמאל,
ס׳האט דער שונא איהם פארטראכט,
אויף דעם פייער איהם געבראכט.
חרב ווערד דאס הויז זיינם ווי אמאל!
צו א גארטען זעהר א רייכען
קען מען יודעלס „גוט" פארגלייכען.
ס׳האט דער גארטען גאר אן-אויג פארנומען,
איז א חזיר זיך אהין געקומען,
האט פארדארבען איטליכם ביימעלע
און צוטרעטען איטליכם קוויטעלע,
דארט געמאכט א תל, פארוויסט,
און פון רויזען בערגלעך מיסט.
יודעל איז ארוים בלויז אהן א העמד
און אוועקגעשלעפט זיך אין דער פרעמד.

## יא.

אין דער מעשה אפשר ניט געפעלען
ווערט אזויפיל טרויערדיגע שטעלען.
נאר ווער יודעלס לעבען שילדערן וויל,
מוז דערצעהלען צרות, מכות פיל.
וועניג, יודעל, איז אין דיין געשיכטע פרייד,
זעהר פיל זענען דיינע צרות, דיינע לייד!
פאר דיין קעפיל, יודעל, און פארשטאנד,
פאר דיין הארץ, דיין ברייטער אפנער האנד,
האסט־דו תמיד, נעביך, פיל געליטען,
ווער נאר ס'האט געוואלט אויף דיר געריטען.
ס'ווייב דיינס האט דיר צוגעצויגען קנאה,
דיינע מעלות אנגעמאכט דיר שנאה.
וואלסט ניט גרויס געווען נאר אין די אויגען,
ווען דו זאלסט געווען צו גארנישט טויגען.
וועניג דיינע שמחות, וועניג דיינע פריינד,
צופיל דיינע קלאגען, צופיל דיינע פיינד.

יודעלס צָרות װער עס קען ניט הערען,
ליינען זיין געשיכטע מעג אויפהערען.
ס'װעט אזוי זיין טאקי פיל געשייטער,
טרויערדיגער װערד די מעשה ווייטער.

* *
*

נאקעט, בארפּים, אהן א גראשען געלט
לאזט אװעק זיך יודעל אין דער װעלט.
װי א בעטלער װאנדערט ער פון לאנד צו לאנד,
מיט א טארבע און א שטעקען אין דער האנד.
דאכט זיך, פון אזױפיל לייד און פּיין,
האט ער דאך אוים מענש בעדארפט גאר זיין,
יודעל אבער איבערטראגט אלסדינג,
מיט דעם װייב איז איהם צולײדען גרינג.
איצט פארשטעהט ער ערשט װי זי איז טײער,
ליבע ברענט אין הארץ איהם װי א פײער.
פיהלט אין ארמקייט גאר זיך רייך,
רייכע װעגען איהם ניט גלייך.
פונ'ם װייב דעם װערטה װי עס געהער
שאטצען איז מען ניט אין שטאנד,
טהייערער פון בריליאנטען איז זי מעהר,
טהייערער פון א גאנצען לאנד. (78
ס'גיט דעם מאן געזונט צו, גליק,
ס'גוטע װייב מיט יעדען בליק.

הַאלט אִין שְׁוֶוערֶער נויט אִיהם אויף דִי פִּיס,
מַאכט זַיין בִּיטֶער לֶעבֶּען הָאנִיג-זִיס.
יוּדֶעל זִינט דֶער חֻפָּה, זִינט עֶר אִיז אַ מַאן,
הָאט עֶר נִיט גֶעשְׁפִּילט מִיט'ן ווַייבּ אַזַא רָאמַאן.
פִּיהלט זִיךְ ווִידֶער יונג גָאר אויף דָאס נַיי,
וֶוערד בַּיי זִיךְ גֶעשְׁטַארקט, פוּן דַאֲגוֹת פְּרַיי.
פִּיהרט אַרוּם זִיךְ שְׁטֶענדִיג נָאר מִיט אִיהר.
כְ'לִיבּ דִיךְ! זָאגט עֶר, טְהַייעֶר בִּיסט-דוּ מִיר;
לִיבּ פַאר דַיינֶע גוּטֶע, קְלוּגֶע רֵייד,
אוּן דַיין עֶהנְלַייט אִינ'ם פְּרָאסְטֶען קְלֵייד.
פַאר דַיין לִיבְּשַׁאפט צוּ דִי אָרְמֶעלַייט, 79)
פַאר דַיין לִיבְּשַׁאפט צוּ אַ גֶר פוּן ווַייט,
אִיהם צוּקְרִיוודֶען אִיז בַּיי דִיר אַ זִינד, 80)
אוּן אַ יָתוֹם לִיבּסט-דוּ ווִי אַ קִינד.
הֵייסט, דֶעם חַבֵר אָפֶען מוּסֶר זָאגֶען,
נִיט אויף אִיהם זַיין חֶטְא אִין הַארצֶען טְרָאגֶען. 81)
הֵייסט אויך, צוּ בֶּעדִינְטֶע נִיט זַיין שְׁלֶעכט,
נִיט בֶּעהַאנדְלֶען גְרָאבּ אַ דִינסט, אַ קְנֶעכט, 82)
הֵייסט אויך, יֶענֶע אַל-דָאס-בֵּייז פַארגֶעסֶען,
וָואס אִין זֵייעַר לַאנד מֶען אִיז גֶעוֶועסֶען. 83)
גוּט זֵעהר בִּיסט-דוּ, נְשָׁמָה!
בִּיסט אִי קְלוּג אִי שֵׁעהן,
כְ'וֶועל אִין פַּייעֶר, חֲכָמָה,
גֶערֶען פַאר דִיר גֵעהן.
מֶעג וָואס סְ'ווִיל זִיךְ זַיין מִיט מִיר,
וֶועל אִיךְ נִיט אַוֶועק פוּן דִיר,

אַז אִינאַיינֶעם אִיךְ מִיט דִיר,
אִיז מִיר לִיבּ דִי וֶועלט אִינגַאנצֶען,
אוּמֶעטוּם דָארט, דַאכט זִיךְ מִיר,
בְּלִיהֶען, וַואקסֶען פָּאמֶערַאנצֶען.
סְ'דַאכט זִיךְ מִיר: פוּנ'ם פִינסטֶערנִיש, הֶעט וַוייט
הוֹיבּט דֶער הִימֶעל אָן זִיךְ אוֹיפצוּקְלֶערֶען,
סְ'שֶׁפּנֶען טְהִירֶען זִיךְ פוּנ'ם מִזְרַח־זַייט,
אוּן עֶס טְרֶעט אַרוֹיס דֶער מָארגֶענשְׁטֶערֶען.
אוּן סְ'בֶּעגִינט אַ טָאג פוּן נַייעַ צַייטֶען,
פוּן אַ נַייעֶר וֶועלט, פוּן גְלִיק אַ טָאג,
שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן אוּמֶעטוּם בַּיי לַייטֶען,
אוּן אַוֶועק דֶער זָארג, גֶעוַויין אוּן קְלָאג.
פוּן אַ גְרוֹיסֶען שׁוֹפָר הֶערט זִיךְ קוֹלוֹת.
סְ'טְרָאגְען וַוייט אַרוּם זִיךְ אִין דֶער לוּפט,
ווִי אִין יַם דִי וֶועלֶען, תְּקִיעוֹת גְדוֹלוֹת.
סְ'בְּלָאזט מִיט כֹּחַ, סְ'דוּנֶערט אוּן רוּפט.
סְ'אִיז אַ רַעַשׁ, סְ'אִיז אַ גְרוֹיס גֶערִידֶער,
מֶענשֶׁען קוּמֶען מִיט גֶעוַויין, גֶעבֶּעט,
זַיי צוּקוּשֶׁען זִיךְ ווִי גוּטֶע בְּרִידֶער,
בֶּעטֶען מְחִילָה, שְׁלָאגֶען זִיךְ עַל חֵטְא.
בֶּעטֶען מְחִילָה פַאר דִי אַלטֶע זִינד,
וָואס אַמָאל זַיי הָאבֶּען זִיךְ גֶערִיסֶען
צְווִישֶׁען־זִיךְ, נָאר טַאקִי ווִי דִי הִינד.
אָרמֶע, שְׁלַאפֶע, נֶעבִיךְ, שְׁטַארק גֶעבִּיסֶען.
אוּן דִי טְרָאפֶּענס אִין דִי יַמִים צְווַיי־
יַמִים רֵיינֶע בְּלוּט אוּן בִּיט'רֶע טְרֶערֶען.

וואס געוואָרען אין דער וועלט דורך זיי,
יעדער ווערט א שײַנענדיגער שטערען.
און העט־העט גאַר אויפ'ן העכסטען אָרט,
פון די בערג אַריבער, אויף א סקאַלע,
פאַרטיג אויסגעבויט שטעהט גאַנץ הויז דאָרט,
ס'ציהען זיך אַהין די פעלקער אַלע.
קומט אַהין און לאָמיר גאַנץ וואָרט הערען —
זאָגען פעלקער אַלע אין איין קול —
לאָז ער לעהרנען מענשען אונז צו־ווערען,
קליגער, בעסער שוין זיין ווי אַמאָל. [84]
אויף די הענד מיך מיט דיר טראָגען זיי,
זייער שלעכטקייט צו אונז צופאַרגלעטען;
ס'טהוט אַצינד דאַרויף דאָס האַרץ זיי וועה,
ווילען זיי דערמיט אונז מחילה בעטען.
כ'בין בײַ מיר אין הויז א פּריץ ווידער,
אויפ'ן קאָפּ דיר ווידער שײַנט די קרוין,
דאָס דערקוויקט מיר אַלע מײַנע גלידער,
פאַר מײַן צַער גאָר דער בעסטער לוין.
ס'שאַפט די ליבע מיר א וועלט אַנײַע,
כ'ליב דיך טיף פון האַרצען, מײַן געטרײַע!
שטאַרק איז יודעל אין זײַן ווײַב פאַרליבט,
ווען עס האָט דער שונא איהם בעטריבט. [85]
ס'איז אַזוי שוין אין דער וועלט געשטעלט,
אז עס פאָרט זיך ניט געפיהל מיט געלט.
צום בעווייז, רבותי, האָט איהר אייך,
ווייניג פיהלט איהר, נעביך, ווענט איהר רייך.

ווערד איהר אָבּער אָרעם, האָט איהר שְׁמַארץ.
אַ, בּעקומט איהר שוין אַ מענשליך האַרץ,
הױבּט איהר אָן צופיהלען, צופאַרשׁטעהן,
און דערקענט וואָס גוט איז, רעכט און שעהן!
ווייך ווי טייג שוין זענט, רבּותי, איהר,
האַטש צולייגען אייך צו אַ געשוויר.

## יב.

יודעל מיט'ן ווייב אז געהט אראפ פונ'ם מארק,
הויבען זיינע טעכטער אן צוגילטען שטארק.
מעהר מיר מענשען ווערען עלטער,
ווערד די וועלט צו אונז אלץ קעלטער.
תמיד האט די וועלט אין יעדער צייט
ליב פרישצאפעלדיגע יונגע לייט.
ס'איז פון יודעלס טעכטער איצט די ריידע,
זענען אין דער מאדע, גילטען ביידע.
ס'האט דער עלט'רער ווייניג־וואס די וועלט געארט,
זי איז טאג ווי נאכט געוועזען אין שטוב פארשפארט.
איבער ביכער איז זי נאר געזעסען,
און אן־אוצר ספרים אויפגעגעסען.
ס'איז ניט אויף דער וועלט געוועזען כמעט א זאך
וויסען זאל זי עס ניט, ווייניג צי א סך.
איינגעשלונגען, זאגען מיר עס זיכער,
האט פון יענער צייט זי אלע ביכער.
לומדים, בעלי־מוחות פון איהר שניט
פלעגען קומען אין איהר הויז אריין,

און גֶעטְהָאן מֶעהר הָאט מֶען דָארטֶען נִיט
וִוי זִיךְ אִין דֶעם לֶערנֶען מְפַלְפֵּל זַיין.
הַאמפֶּערן פְּלֶעגט מֶען שְׁטַארק זִיךְ און זִיךְ קְרִיגֶען,
אֵיינֶער הָאט דֶעם אַנדֶערן נִיט פַארשְׁווִיגֶען.
בַּאלד וִוי אֵיינֶער רֶעדט אַרוֹיס אַ וָוארט,
שְׁלָאגט דֶער צְווֵייטֶער אָפּ אִיהם אוֹיפ׳ן אָרט.
בוּצְקֶעט זִיךְ מִיט אִיהם אַוֶועק בַּיינַאנד,
„וּרְמִינְהוּ", כְּ׳פְּרֶעג דִיךְ ווִידֶער־אַנַאנד!
אֵיינֶער קֶען מִיט חֲרִיפוֹת וַוייזֶען שְׁוַוארץ אִיז וַוייס,
רֵיין צוּמַאכֶען אִי אַ שֶׁרֶץ אוֹיפטְהָאן נַיים! 86)
מַאכֶען פְּלֶעגט מֶען גְרוֹיס גֶעטִימֶעל,
רַעַשׁ בִּיז׳ן זִיבֶּטֶען הִימֶעל.
מִינְדֶעל וֶ׳ערד דֶערפוּן גָאר גְרֶעבֶּער, דִיקֶער,
אִיהר אִיז לֶערנֶען דָאךְ דֶער גַאנצֶער עִיקָר.
הָאט גֶעקֶענט אוֹיךְ שְׁפְּרַאכֶען אָהן אַ צאהל
אוֹיסגֶעמִישְׁט זֵיי אַלֶע מִיט אַמָאל.
זִיךְ מִיט צִירוּנג אוֹיסצוּפוּטצֶען,
דְרִין גֶעפִּינט זִי נִיט קֵיין נוּטצֶען.
פְּרֶעמְדֶע צוּגֶעפֶּעלֶען
הָאט זִי נִיט גֶעוואוּסט,
און צוּשְׁפִּילֶען לִיבֶּעם
נִיט גֶעהַאט קֵיין לוּסט.
בַּיי דֶעם פָּאטֶער זִיצֶען וִויל זִי
מִיט דֶער מוּטֶער, אוֹיף גַאנץ לַאנגֶע יָאהר.
יוּדֶעלם אִינגִ׳רֶע טָאכטֶער־זְשֶׁע אַקֶעגֶען
אִיז גֶעגַאנגֶען גָאר אִין אַנדֶרֶע וֶועגֶען.

ווי די שוועסטער און די לאפּעטיטצען,
וועלכע דאס אליין נאר וויסען,
אפגעזונדערט זיך אין שטוב צוזיטצען,
האט אטויט ביי איהר געהייסען.
ס'האט איהר עפּיס ווי געפעהלט
ניט א קוק מ'האן אויף דער וועלט.
ליב געהאט זיך וואשען, שמוקען,
און אויף פרעמדע זיך פארקוקען. 87)
„ביי מיר, זאגט זי, זענען מענשען דא,
און „אתה־בחרתניקעס" נישטא.
ס'מעגען זיין, ווי מ'זאגט, רב יודעלס קינדער
טאקי די בעריהמטע גאר יחסנים,
נו, בכן דארף מען האלטען זיך בעזונדער,
און מיט קיינעם ניט זיין קיין מחותנים?
דארף מען, הייסט עס, זיין ביי זיך פארריסען,
אז א גוי פארליבט זיך — זאג איהם אפּ,
כ'וויל ווי מינדעל גאר פון דיר ניט וויסען, 88)
און פארזיצען ביז'ן גרויען צאפּ!
ניין! עס קען ניט זיין אזוי,
ס'איז פאר אלע מענשען גלייך
ברוך־הוא וברוך שמו
איינער אין זיין הימעל־רייך. 89)
אלע מענשען וויל ער זאלען לעבען, 90)
זייער נשמה ניט פון קליאטשע, כ'לעבען!
וואס מיר מינדעלס קאפּ מיט איהרע זאכען?
ס'הארץ איהרס בעסער לאז זי איידעל מאכען". 91)

אִיהר פַארגְנִיגֶען אִיז גֶעוֶועזֶען
שֵׁעהנֶע סְפָרִים נָאר צוּלֶעזֶען,
וואו עָס וֶוערֶען מַעֲשׂוֹת, וואונדֶער פִיל גֶעבְּרַאכט,
און אַלֵיין אַ לִיבֶּע־בִּיכֶעל אויך גֶעמַאכט.
רֵיידֶען פְלֶעגט זִי נָאר פון לִיבֶּע און פון גְלִיק,
מִיט דִי אויגֶען אַלץ צום הִימֶעל טְהָאן אַ בְּלִיק,
רֵיידֶען מִיט גֶעפִיהל און מִיט פַייעֶר,
לִיבֶּע – אָט וָואס גוט אִיז און טְהַייעֶר!
פְלֶעגט שְׁפַּאצִירֶען אָפט מִיט אִיהרֶע לַייט,
אִין גֶעשפרֶעך מִיט זֵיי פַארגֵעהן הֶעט וַוייט. 92)
הָאט מִיט אִיהר חֵן־מַאכֶען און הַעֲוַיוֹת
צוּגֶענומֶען פְרָאסט בַּיי יֶענֶעם סְחַיוֹת. 93)
סְ'הָאט גֶעהֶערט זִיךְ בַּיי אִיהר אִין דִי לִידֶער:
לִיבּ זִיךְ הָאבֶּען לָאמִיר, שְׁוֶועסטֶער, בְּרִידֶער!
לִיבּ אֲפִילוּ הָאבֶּען אונז'רֶע פַיינד,
גוטס טְהָאן שׂוֹנְאִים אויך אַזוֹי וִוי פְרַיינד. 94)
הָאט וֶוער אונזֶער רֶעכטֶע בַּאק גֶעשְׁלָאגֶען,
אויך דִי לִינקֶע לָאמִיר אִיהם צוּטְרָאגֶען. 95)
אָט אַזֶעלכֶע לִידֶער מִיט אַזֶעלכֶע וֶוערטֶער
פְלֶעגט זִי תָּמִיד זִינגֶען אִין דִי אַלֶע עֶרטֶער.
תְּחִילֶת זֶענֶען אִיהרֶע פְרַיינד גָאר גֶעוֶועזֶען וֵוענִיג,
סְ'זֶענֶען אִיבֶּער אִיהר גֶעוֶוען נִיט אַלֶע אֵיינִיג,
סְ'הָאבֶּען זִי אַ טְהֵייל פַארגֶעטֶערט און גֶעאַכט,
אַנד'רֶע ווִידֶער פון אִיהר גָאר גֶעשְׁפָּאט, גֶעלַאכט.
אָפגֶעלוֹיפֶען אִיז דִי יוּגֶענד אִיהר נִיט שְׁטִיל
אויסגֶעשְׁטַאנֶען אִיז זִי גְרוֹיסֶע צָרוֹת פִיל.

וִוי דִי מוּטֶער אִין דִי פְרֶעמדֶע מְקוֹמוֹת
אויך גֶעלִיטֶען פִיל פוּן מֶענשֶׁען־בְּהֵמוֹת. 96)
בִּיז אַ גְרוֹיסֶער מָאנַארךְ אִיז גֶעקוּמֶען
אוּן זִי פְלוּצלִים פַאר אַ וַוייבּ גֶענוּמֶען. 97)
עֶר נִישקָשֶׁה הָאט בֶּערֶעכֶענט וָואס עֶר טהוּט,
עֶפִּים קוּמט זִי דָאךְ אַרוֹיס פוּן יוּדֶעלס בְּלוּט,
יוּדֶעלס יִחוּס לֵייקֶענט דָאךְ נִיט קֵיינֶער,
אִי פוּן זַיינֶע בְּלוּטפַיינד אויךְ נִיט אֵיינֶער.
שׂוֹנְאִים מֶעגֶען זִידלֶען אִיהם: וְשִׁיד חַאלַאמֵיי!
יַעֲקֹבִ׳ם אֵיינֶקֶעל אִיז פִיל אֵיידלֶער נָאךְ פוּן זֵיי.
עֶר בֶּעדַארף נִיט קוֹיפֶען קֵיין דִיפּלָאם פַאר גֶעלט,
הָאט אַ יִחוּס־בְּרִיף אַן־אַלטֶען וִוי דִי וֶועלט.

## יג.

יודעלם טאכטער, אַט דעם מאַן בעקומען,
האָט אַ גאַנצע װעלט באַלד אַפּגענומען,
איז געװאָרען גאָר די ערשטע דאַמע,
אָפּגעריסען גאַנץ זיך פון דער מאַמע,
–מ׳װערד אין עושר און אין כבוד שטאַלץ
און בעדינטע האָט זי פיל װי האָלץ.
ס׳טראָגען זי פיל שררות אויף די הענט,
און מאַנאַרכעס, מיט איהר זיך בעקענט,
יעדער זי צוגאַסט געבעטען האָט צו זיך,
עס פאַרברייט זיך אין דער װעלט איהר נאָמען גיך.
און דערװייל האָט יודעל, ניט פאַר אייך געדאַכט,
ס׳לעבען זיינס אין צרות און אין נויט פאַרבראַכט.
אָרים איז ער געװען און נידריג, קליין,
אין דער פרעמד שטאַרק עלענד װי אַ שטיין.
זיך געמאַטערט האָט ער ביז צום טויט
צודערטאַפּען ס׳טרוקען שטיקעל ברויט,
צובעקומען ערגיץ וואו אַ לאָך,
איבערזיצען רוהיג כאָטש אַ װאָך.
אַט אַבי נאָר װי ס׳איז מעגליך,
ניט צוזיין נע־ונד טאָג טעגליך.

שלעכט. ס'איז גארנישט צומאכען!
יודעל אויף דער עלטער מיט'ן געזינד
האט געמוזט נאך אלע זאכען,
נעביך, אנקומען צום רייכען קינד.
אך און וועה איז אבער יענע פעטער,
וואס צו קינדערס הילף בעדארפען שפעטער
זיי פארלירען זייער פנים,
מען בעטראכט זיי פאר נארונים.
ס'געפעלט ניט זייערם קיין שום זאך
זייער עלטער, נעביך, ווערד צו שמאך.
ס'געפעלט ניט זייער רייד,
זייער פיהרונג, זייער קלייד.
ס'געפעלט ניט ווי זיי שטעהען,
ווי זיי עסען, ווי זיי געהען.
קומען זיי אריין אין הויז,
אין די שיך מיט דער קאפאטע,
שיקט מען, מחילה, זיי ארויס-
פע, זיי טראגען אן די בלאטע!
געהן זיי אונטען אין דער קיך אראפ,
זאגט מען: אך, זיי נאשען פונ'ם טאפ!
ווילען זיי אריינגעהן וואו מען עסט,
זאגט מען: זייט-זשע מוחל ווייטער, געסט!
ווילען זיי האטש זיצען מיט די קנעכט,
זאגט מען: ס'מאכען זיי די אלטע שלעכט.
העלפען זיי אין וואס-ס'איז פאר א פאך,
זאגט מען: געהט, דאס איז ניט אייער זאך!

הָאבֶּען זֵיי פוּן וַוייטֶען זִיךְ גֶעשְׁטֶעלט,
זָאגט מֶען: זֵיי גֵעהט כְּלַל נִיט אָן דִי וֶועלט!
רֵיידֶען זֵיי,–וָואס, זָאגט מֶען, רֶעדט אִיהר פִּיל;
שְׁוַוייגֶען זֵיי, וָואס, זָאגט מֶען, שְׁוַוייגט אִיהר שְׁטִיל
בְּקִיצוּר, וָואס זֵיי טהוּעֶן אִיז נִיט גוּט,
מֶען פַארטְרִיפט זֵיי תָּמִיד זֵייעֶר בְּלוּט.
יוּדלֶען אִיז גֶעוֶוען אוֹיךְ וֵועה אוּן וַויינד,
אָנקוּמֶענדִיג נָאךְ הִילף צוּ זַיין קִינד,
שוּלדִיג מַאכֶען סְ׳קִינד אִיז דָאךְ נִיט גְרִינג,
לִיבֶּע גֶעהט אִיהר נִיט אַרָאפּ פוּן צִינג.
לִיבֶּע אִיז אִיהר אֵיינצִיג וָוארט,
דַרְשֶׁ׳ט עֶס אִין יֶעדֶען אָרט.
שוּלדִיג זֶענֶען דָא, אַ פָּנִים,
פוּנֶ׳ם מַאנס צַד דִי מְחוּתָּנִים.
סְ׳הָאט אַ טְהֵייל, כְּפִי סְ׳אִיז אַ קְלַאנג
יוּדלֶען פַיינט גֶעהַאט פוּן לַאנג.
נָאךְ אַ טְהֵייל פוּן גְרוֹיסֶע שְׂרָרוֹת וִוידֶער
שְׁטֵעהט נִיט אָן צוּזַיין מִיט יוּדלֶען בְּרִידֶער–
אִט דֶער שְׁלֶעפֶּער, פוּן אַן-אָרְמֶער נַאצִיֶע,
זָאל זַיין מִיט זֵיי שְׂרָרוֹת „פַּאנִי-בְּרַאצִיֶע"!
אַנדֶ׳רֶע זָאגֶען מִיט אַ גְרִינג גֶעמִיט:
מִילָא יוּדֶעל–טַא, עֶר גֵעהט נָאךְ מִיט,
לְמַאי נָאךְ מִינדלֶען גֶעבֶּען עֶסֶען,
אִט דֶער מוֹיד, וָואס אִיז פַארזֶעסֶען?
גָארנִישט טהוּט עֶס אָט דָאס מֵיידֶעל.
נִיט גֶענוּג וָואס זִי אִיז פוֹיל,

און אזוי פארגרעבט, ניט איידעל,<br>
שפּענט זי אויף אונז־אויף נאך אמאל!<br>
לאזט ניט אויס פון אונז אי איינעם,<br>
איז פאררי‍סען, הערט ניט קיינעם.<br>
מינדלען מבוזה האבען זיי געמאכט<br>
יודלען משונה גראבליך אויסגעלאכט.<br>
קנעכט, געהערט אזוינס פון שררות,<br>
פלעגען יודלען אמהאן צרות,<br>
און פאר יעדען ביסען<br>
גינג איהם בלוט פארגיסען.<br>
האבען פיל בלבולים אויסגעטראכט<br>
אויפ'ן פייער, נעביך, איהם געבראכט<br>
ביינע הינד, וואס נאר אבי מען הייסט<br>
איילען זיך דעם הארם בעפעהל דערפילען,<br>
פלעגען אויך אויף יודלען, ווי כען ווייסט,<br>
עפנען מיילער היגטישע און בילען.

## ז.

יודְלֶען אִין דֶער וֶועלט דָאס לֶעבֶּען שְׁוֶוער
וֶוערד אִיהם נֹחַ'ס תֵּבָה זַיין גֶעזִינד.
וָואס דֶער מַבּול צָרות גִיסט אַלץ מֶעהר,
מֶעהר פַארשְׁפַּארט עֶר זִיךְ מִיט וַוייבּ אוּן קִינד.
יודֶעל אִין דֶער הֵיים אוּן יודֶעל אִין דֶער וֶועלט
אִיז אִין צְוֵוייערלֵיי גֶעשְׁטַאלְטֶען פָארגֶעשְׁטֶעלט.
יודֶעל אִין דֶער וֶועלט אַ קְנֶעכט, אַ שְׁמַאטֶע,
אִין דֶער הֵיים אַ הַאר, אַ מַאן, אַ טַאטֶע.
דָארט אַ וָוארֶעם, ווִי אַ פְּלִיג גָאר שְׁלַאף,
דָא אַ יֶשׁ, אַ פָּרִיץ אוּן אַ גְרַאף.
דָארט אָהן לַייבּ אוּן לֶעבֶּען, אָהן גֶעפִיהל,
דָא אַ מֶענשׁ, עֶר לֶעבּט אוּן פִיהלט זֶעהר פִיל.
דָארט אַ נִיכטס, אָהן בִּילדוּנג, אָהן אַ צינג,
דָא אַ לַמְדָן, רֶעדט אוּן ווייסט אַלסדִינג.
דָארט דֶערשְׁלָאגֶען שְׁטַארק פוּן הָמָן'ס מְסִירות,
דָא גָאר לֶעבּדִיג-פְרֵעהלִיךְ, זינגט זִיךְ זְמִירות.
אִין דֶער הֵיים פַארגֶעסט עֶר זַיינֶע שְׁמַארצֶען,
ליבּט זַיין וַוייבּ, זַיין קִינד פוּן גַאנצֶען הַארצֶען.

פוצט זיין ווייב מיט וואס ער קען נאר קריגען,
זי צופוצען איז זיין בעסט פארגניגען.
היינט אויף איהר און וואס ער האט אי שמאטעס
איז פון קאפ בעהאנגען ביז די פיאטעס.
מינדעל זיינע ליגט איהם אויך אין זינען,
חכמות פלעגט ער פיל אין איהר געפינען.
לייטיש רייד אויף איהר מיט שנאה
שרייבט ער עס צו נאר צו קנאה.
„וויים איך דען ניט, פלעגט ער זיך בעקלאגען,
אז ניט אמת איז וואס שונאים זאגען.
איך זאג עדות, ווי זי האסט בטלנים,
ארבייט, זאגט זי, און ניט זייט גזלנים. [98]
לאז דיין שטוב זיין אפען אלע צייט,
זאגט זי, פאר די אלע ארמע לייט. [99]
ליבען מענשען גאר אהן אונטערשייד –
דאס איז איהרע אמת קלארע רייד. [100]
הייסט: קיין מענשען ניט פעראכטען,
און אליין זיך ניט שטארק אכטען. [101]
מענשען, געצען-דינער גאר,
אויך ניט קרימען זיי א האר.
ארמע ביי זיי שפייזען זאל מען פיין,
און די קראנקע מבקר חולה זיין. [102]
און די טויטע זייערע אויך בעקלאגען,
פונ'ם אבל צער ארויסצושלאגען. [103]
מ'דארף זי, ווי איך, קענען רעכט,
וועט מען זעהן, זי איז ניט שלעכט.

אִיז גֶעלֶערֶענט און מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת,
אִיז אַ גַאנצֶע רֶבִּצִין, פַּסְקְ׳ט שַׁאֲלוֹת.
וִוי אַ יוּרִיסט קֶען זִי גוּט דֶעם דִין,
וִוי אַ דָאקטָאר אוֹיךְ דִי מֶעדִיצִין.
קֶען אוֹיךְ פִיזִיק, אַסטְרָאנָאמִיֶע
חֶשְׁבּוֹן און דִי עָקָאנָאמִיֶע;
קֶען נַאטוּרגֶעשִׁיכטֶע וִוי פְּרָאפֶעסֶער,
און דִי אַנַאטָאמִיֶע פִיל נָאךְ בֶּעסֶער.
אִין הִיסטָארִיֶע גוּט בִּיז אוֹיף אַ הָאר
אִיז זִי וִוי אַ יוּד אִין אַשְׁרֵי קְלָאר.
הַיינט דִי קֶענֶער מֶעגֶען זִיךְ נִיט שֶׁעמֶען
דְרִינֶען, כְּ׳לֶעבֶּען, בַּיי אִיהר שְׁטוּנדֶען נֶעהמֶען.
אִיהרֶע גְלַייכֶע וֶוערטלֶעךְ זֶענֶען שְׁפִּיצִיג,
אִיהרֶע מְשָׁלִים גָאר חִידוּשִׁים וִויצִיג. (104
כְּ׳פַּאל פוּן לַייטִישׁ רֵייד נָאךְ נִיט אַרָאפּ,
עָם זָאל מִיר זַיין, טָאכטֶער, פַאר דַיין קָאפּ!
יוּדֶעל נֶעבֶּען וַוייבּ און קִינד דֶערפִיהלט,
ס׳וֶוערֶען זַיינֶע שְׁמֶערצֶען אִיהם גֶעשְׁטִילט.
הָאפט נָאךְ תָּמִיד אַלֶץ בַּיי זִיךְ,
אַז גֶעהָאלפֶען וֶוערֶען וֶועט עָר גִיךְ.
נָאט, נִישׁקָשֶׁה, אִיז אַ טַאטֶע,
און פַארגֶעסט אִיהם נִיט עַד־עָתָּה!

# טו.

יודעל, ס׳לעבען איהם וואס ווייטער שווער
בלאנקעט זיך ארום אהין-אהער.
שטענדיג הערט ער ס׳אלטע לידעל:
ווייטער, זיי-זשע מוחל, אידעל!
קומט איהם אויס אריבערגעהן א בריק,
הייסט מען צאהלען, אדער געהן צוריק.
און ביים דורכגעהן ערגעץ וואו אן-ארט,
„לייבצאהל״, יודעל, גיב! איז אלץ איין ווארט. 105)
ס׳איז קיין רוה פאר איהם ניטא,
עטהמען קאסט איהם טהייער;
פאר א חיי-שעה
מוז ער צאהלען שטייער.
„שוצגעלד״, יודעל, גיב מיר!
זאגט איהם איינער,
גיב דערפאר וואס מ׳ברעכט דיר
ניט די ביינער. 106)
יעדער אין דער וועלט
לאזט איהם ניט צורוה.

גִיבּ מִיר, יוּדֶעל, גֶעלט,
מֶעלק זִיך וִוי אַ קוּה! 107)
מְ'וואוּנדֶערט אָפּ פַאר אִיהם אַן אָרט,
און מֶע מֶעלקט אִיהם, מֶעלְקט אִיהם דארט. 108)
סְ'קוּמֶען הִינד פוּן אַלֶע גַאסֶען,
ווִילֶען דָא אויך עֶפִּים נַאשֶׁען. 109)
מֶעלְקט מֶען בִּיז עֶס לָאזט זִיך אוּיס
און מֶע טְרֵייבּט אִיהם בַּאלד אַרוּיס.
יוּדֶעל טְרַאכט, און זוּכט הַסְבָּרוֹת,
גֶעהט אַרוּם אִין אֵיינֶע צָרוֹת
הִין־און־הֶער, און מַאכְט דִי קִינְד
צוּבֶּעקוּמֶען סְ'בִּיסֶעל מִינץ.
מְ'צְווִינגט אִיהם מִיט'ן הַארְבֶּען לָשׁוֹן
דְרֵיעֶהֶען. מַאכֶען מִיט דֶער רֵייף,
כָּשֵׁר, זָאגט מֶען, אִיז זַיין גְרָאשֶׁען,
יוּדֶעל נָאר אַלֵיין אִיז טְרֵייף.
צוּפַארְשְׁוַוארְצֶען יוּדְלֶען סְ'פָּנִים,
פַאלֶען שׂוֹנְאִים אויף אַ שְׁפִּיצֶעל —
גֶעבֶּען אִין אִיהם דִי סִימָנִים:
לַאטֶעס, און אַ גֶעלֶען מִיצֶעל. 110)
אִין אַזֶעלְכֶע זַאכֶען
אִיז עֶר גָאר צוּם לַאכֶען.
און בֶּעקוּמט אַ פָּנִים גָאר
מַאכְט וִוי אַ רוּחַ נָאר.
וֵוויינט אַ קִינד בַּיי דֶעם און דֶעם,
שְׁרֶעקְט מֶען עֶס און מְהוּט אַ רוּף:

„יוּדֶעל, אִיהם אִין טָאַרְבֶּע נֶעהם,
נֶעהם אִיהם, יוּדֶעל, עֶס אִיהם אוֹיף!“ 111)
יוּדְלֶען שְׁלִים פוּן אַלֶע זַייטֶען,
אוֹי־וֶועה, שְׁוֶוערֶע, שְׁוֶוערֶע צַייטֶען!
„יוּדֶעל, אוֹיף הוֹצָאוֹת! שְׁרַייט אַן־עוֹלָם,
אִין דֶער וֶועלט וָואס שְׁלֶעפְּט זִיךְ מִיט'ן צֶלֶם.
גֶעהן מִיר עֶס אַ נָאז אָנְרַייבֶּען
אוּנְזֶער פֶּעטֶער רֶב יִשְׁמָעאֵל,
מְחִילָה, אִיהם אַרוֹיסצוּטְרַייבֶּען
טַאקִי בַּאלד פוּן אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל.
וִוילֶען מִיר דִיךְ נִיט פַאַרְשֶׁעמֶען
אוּן דַיין בְּרָכָה פְרִיהֶער נֶעהמֶען.
סְטַייטְשׁ, וֶועט הֵייסֶען עֶס אַ גַאנג פוּן מֶענְטְשֶׁען,
לָאזֶען זִיךְ אַזוֹי וַוייט אִין אַ לַאנד,
אוּן רֶב יוּדְלֶען פְרִיהֶער נִיט צוּ „בֶּענְטְשֶׁען“?
נַא־וְשֶׁע, זָאלסט גֶעדֶענְקֶען, אוּנְזֶער הַאנד!..
נַא־וְשֶׁע דִיר, פְּרָאַכְט אָזְן הַמְצִאוֹת,
אוּן דוּ גִיבּ אוּנז אוֹיף הוֹצָאוֹת“. 112)
אֵיינְמָאל זָאגט אַ פְּרִיץ אִן זַיין וַוייבּ:
„יוּדֶעל! אוּמְרֵיין, שְׁמוּצִיג אִיז דַיין לַייבּ,
קֶענסט, חָלִילָה, מַיינֶע לַייט פַארְשְׁמִירֶען,
ס'אִיז אַ מִצְוָה דִיךְ אִין בָּאד צוּפִיהְרֶען“. 113)
אוּן דֶער בֶּעדֶער טָארקְוֶועמַאדֶע 114)
הֵייצְט אוֹים ס'בֶּעדִיל מִיט פַאַראדֶע.
ג'וֶוען אַ בֶּעדֶער אִיז עֶר דָאךְ אַ טְרַייעֶר,
ס'וֶוערד אִין בֶּעדִיל הֵיים, אַ הֶעלִישׁ פַייעֶר.

ס׳זעצט די פֿערע שטאַרק ווי ווילען רויך,
און באָד־יונגען געהמען יודלען באַלד,
ציהען איהם אוים, מחילה, העט־העט הויך,
פֿאַרען איהם די בײנער דאָרט מיט געוואַלד.
באָדגעלט – מיט א חוזיק־מאַכען
מאָהנען זיי איהם שטאַרק –
לאָז אונז, יודעל, דײנע זאַכען
און נאַ דיר אין קאַרק! (115
פֿון די פּריצים איז ניט צו־בעשרײבען
אלע ווילדע מעשים און שפּאַס־טרײבען.
יעדער באַראָן
האָט זיין שגעון
אָט אַזוי פֿלעגט יודעל וואַנדערען
פֿון איין פּריץ צו דעם אַנדערען.
וואָס א נײער שררה
איהם א נײע צרה.
און אַז ער בעטראַכט אינגאַנצען גאָר,
וואָס אין לעבען מיט איהם איז געשעהן,
קומט איהם איצט אין העלע פֿאַרבען פֿאָר,
וואָס אין טרוים אַמאָל ער האָט געזעהן
ס׳קומט אַזוי אוים טאַקי אויפֿ׳ן סוף –
פֿון א מענשען ווערד ער הײנט א שאָף
„א שאָף, א שאָף!״ האָט איהם זיך געדאַכט
און אויף זיך א „חד גדיא״ געמאַכט,
מיט די מחבלים מיט די אלע שרעקען,
ווי דאָרט איז „חד גדיא״ יענע פּלאָגען.

ס'איז אַ קאַטץ דאָ און אַ הונט, אַ שטעקען
די וואָס נאַשען, בּייסען און וואָס שלאָגען.
ס'איז דאָ פייער, פּפּירט, אַ שכּור אויך׳עד
אי אַ מלאך־המוות אי אַ שוחט.
נאָר הקדוש בּרוך־הוא
שווייגט לעת־עתּה אין זיין רוה.
ס'טהוען צרות אָן די שלעק,
און די מעשה האָט קיין עק
הערט מען יודלען זיין „חד גדיא" זינגען,
קען דאָס האַרץ פאַר גרויס רחמנות שפּרינגען.
ס'הערט אין ניגון זיך אַזאַ געוויין,
וואָס אין שטאַנד צוריהרען אי אַ שטיין
ס'הערט זיך, שלאָפע קינדער קלאָגען:
פאַר וואָס האָט געקומט אונז שלאָגען,
אונז אין פּנים טהאָן אַ שפּיי,
פאַר אַ מינוט עטהמען פריי?
ס'הערט זיך, קולות בּיט'רע, וועה און ווינד,
ווי אַ מאַמע עס בּעוויינט איהר קינד:
וועה דער מאַמע, דיך וואָס האָט געבּאָה׳רען,
און בּעגראָבּט דיך אין די יונגע יאָהרען!
ס'הערט זיך אויך, פאַרוואָגעלטע חליפען,
דאַרע־קוואַרע, קוים וואָס זיי זיפּען...
גלאַט אַזוי זיך אין אַ לידעל,
גאָר אפילו שמחת תּורה,
אַז ס'צוזינגט זיך אונזער אידעל,
שמעקט עס אויך מיט מרה שחורה

חָתָן־כַּלָה אַז עֶר איז מְשַׂמֵחַ,
זָאגט די שֵׁעהנֶע בְּרָכוֹת מִיטֶ'ן קְנַאק,
הָאט פון קִינוֹת עֶס אַ טַעַם אַ רֵיחַ,
און עֶס ווֵיינט זִיךְ עֶפֶּים גָאר גֶעשׁמַאק.
וָואס עֶר זָאל נִיט זָאגֶען פַאר אַ נִיגוּן,
מִי שֶׁבֵּרַךְ, צִי אֵין כֵּאלֹהֵינוּ,
אֵיין קול איז: גֶעוואַלד,, אוֹי וֵועהגֶעשְׁרִיגֶען!
גְלַייךְ ווִי אִין וּמִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ.
יודֶעלס גָלוּת־נְשָׁמָה איז אַ קְוַואל
פון יִסוּרִים, לֵייד און טְרֶערֶען,
זַיין גֶעלֶעכטֶער איז מִיט גְרִינֶער גַאל,
אָפט אַז מְשׁוּגָע נָאר צוּ וֶוערֶען.
מַחֲמַת צָרוֹת אִין זַיין לֶעבֶּען
און אִין לופטֶען שְׁטֶענדִיג שְׁוֶועבֶּען,
הָאט פַארדְרֵעהט זִיךְ אִיהם דֶער מֹחַ,
און איז קְרַאנק אַצִינד, אָהן כֹּחַ.

## טז.

אין אַהֶקדֶש, אויף אַהינֶערש פּיסֶעל,
וואס שטעהט אין אַגֶעסיל ווייט פאַררוקט,
וואו קיין ליכט ניטא, קיין לופט אביסֶעל,
וואו עס עטהעמט זיך ניט פריי, עס שטיקט —
אט דאס איז פאר יודלען היינט אַן־אָרט,
קריינקען וויפיל ער וויל זאל ער דארט.
און דאקטוירים פיל ווי מיסט
זענען אפט דא אין שפיטאלען,
גרייט צוהיילען האטש אומזיסט,
אי אפילו נאך צוצאהלען —
די וואס הויבען אן צופראקטיצירען
און אַזעלכע אויך פון יענער כתה,
וואס אויף קראנקע מעדיצין שטודירען,
ווי מען לערענט זיך אויף קעטץ די שחיטה.
אט אַזוינע דאקטוירימלעך קומען,
פונ׳ם אלטען און דעם נייעם שניט,
און צוהיילען יודלען זיך גענומען.
קאנאוואלען אויך דא אין־דערמיט.

מֶעהר פון אַלֶע צְווִישֶען דִי דָאקטוירִים
זֶענֶען דַייטשֶע רוֹפְאִים, דִי חֲמוֹרִים. 116)
מְ'הָאט נִיט אויסגֶעגְלַייכט זִיךְ אִין פִיל זַאכֶען
אויף קָאנסִילוּמס, וָואס זֵיי פְּלֶעגֶען מַאכֶען.
יֶעדֶער זָאגט זִיךְ זַיינס אויף יודְלֶען אָפּ,
וָואס עֶס פַּאלט אִיהם נָאר אַרַיין אִין קָאפּ.
חָאטש עֶר אִיז אויף אִיהם אַ מֵבִין
ווִי אַ חַזִיר אִיז אויף הֵייוֶוען.
סְ'זָאגט אַ דַייטשִׁיל: „עוֹלָם!
כְ'בִּין זִיךְ כְּלַל נִיט טוֹעֶה,
יודֶעל אִיז אַ גוֹלֶם,
מְשוּגָע, חֲסַר־דֵעָה.
קוּקט זִיךְ גוּט־צוּ צוּ זַיין פָּנִים,
צוּ זַיין לָשוֹן און צוּ דִי מַאנִירֶען,
וֶועט אִיהר הָאבֶּען דִי סִימָנִים,
אַז גֶערִיהרט אִיהם זֶענֶען דִי גֶעהִירֶען.
סְ'אִיז פַאר יודְלֶען נָאר אֵיין מִיטֶעל,
נֶעהמט, זַייט מוֹחֵל, טוּקט אִיהם אונטֶער
גוּט אִין וַואסֶער אִין אַ בִּיטֶעל,
וֶוערד עֶר פְרִישֶער און גֶעזוּנטֶער" 117)
עֶנְטְפֶערְט אָפּ אַ דַייטשֶער אִיהם פְּרָאפֶעסֶער:
„סְ'וַואסֶער אונְטֶערַיין מַאכֶען אִיז אַ שָׁאד,
און אַ חוּץ דֶעם וֶועט פון גַאנְצֶע פֶעסֶער
וַואסֶער גָאר נִיט הֶעלְפֶען אִיהם דִי בָּאד.
דַיינט אִיז קַאלְטֶע וַואסֶער קוּר אוּים מָאדֶע.
בֶּעסֶער אִין גֶעוַואנד אַרַיין־צוּשְטֶעקֶען,

נָאךְ דֶער הֵייסֶער הַיינְטִיגֶער מֶעטָאדֶע,
אוּן אִיהם, זָאג אִיךְ, גֶעבֶּען פּוּלוֶוער שְׁמֶעקֶען״. 118)
„חַס־חָלִילָה! וֶוערד אַ גְרוֹים גֶערִידֶער,
פּוּלוֶוער פַּאסט נִיט יוּדֶעלס גָאר חַאַרַאקטֶער
זַיין נַאטוּר אִיז פּוּלוֶוער גָאר דֶערוִוידֶער,
אוּנז בֶּעקַאנט אִיז בֶּעסֶער יוּדֶעל פַּאקטֶער״. 119)
„אִיךְ, רַבּוֹתַי, קֶען אוֹיךְ יוּדְלֶען גוּט,
לָאזט אַ רוֹפֵא׳ס קוֹל זִיךְ הֶערֶען,
מִיר גֶעהֵייסֶען הָאט מֶען: לָאז אִיהם בְּלוּט!
ס׳וֶועט דֶערפוּן אִיהם גְרִינגֶער וֶוערֶען.
וַוייל דָאס בְּלוּט זַיינס אִיז פַּארדָארבֶּען,
ס׳לָאז אִיהם נִיט זַיין צוּ קַיין בּוּשָׁה,
עֶלטֶערן, וָואס דֶערפוּן גֶעשְׁטָארבֶּען,
הָאבֶּען עֶם גֶעלָאזט אִיהם יְרוּשָׁה.
פוּן דֶער קְרַאנקהַייט דִי סִימָנִים
זֶעהט מֶען אִין זַיין פִּינסטֶער פָּנִים.
קֶעגֶען מֶענשֶׁען אִיז עֶר פוּל מִיט הַאס,
עֶר אַלֵיין—אַ גָארנִישט, מִיאוּס פוֹיל,
שְׁטֶעענדִיג גֵעהט עֶר לֵיידִיג, פּוּסט־אוּן־פַּאס,
אוּן אוֹיף אַנד׳רֶע עֶפֶּענט עֶר אַ מוֹיל״. 120)
ס׳טהוּט דֶער מוּמחָה מִיט דֶער הַאנד אַ פַּאטש,
קוּמט אַרַיין אַ רוֹפֵא־יוּנג, אַ יוּנגַאטש
מִיטְ׳ן קְלִיפֶּערְג׳צַייג דָאס פוּלֶע זֶעקִיל:
בַּיַאוּקֶעס, לַאנצֶעט, בַּאנקֶעס אוֹיךְ אַ פֶּעקִיל,
אוּן גֶעוָואלט וָואס גִיכֶער זִיךְ פַּארחַאפֶּען,
יוּדֶעלס בְּלוּט מִיט אַלֶע כֵּלִים צַאפֶּען. 121)

„און איך װעל אײך אָט װאָס זאָגען –
זאָגט אַ דאָקטאָר און פּראָפעסאָר –
יודעלם קראַנקהייט קומט פֿונ׳ם מאָגען,
יודעל, זאָגט מען, איז אַ פרעסער.
אָט דער גאַנצער עולם מענשען דאָ
זאָגט, אַ פרעסער װי ער איז ניטאָ.
האָט פֿון מויל בײַ יענעם אויסגעריסען,
מיט הסברות, אַז דעם לעצטען ביסען
איז מײַן דעה צופֿאַרשרײַבען
איהם אַ מיטעל אויף צוטרײַבען.
טרײַבען, דאָס איז בעסער פֿון אַלסדינג,
מ׳פּטרט אַל־דאָס בײַז אַז גיך אַז גרינג". 122)
„טרײַבען, מהיכא־תיתי! זאָגט מיט גאַל
אײנער, טאַקי נאָר אַ קאַנאַװאַל,
לאָזען בלוט – אַך, אויך אַ מיטעל!
אויך פֿון „קראַטקע װיק" אַ ביטעל,
מ׳קען איהם ס׳ביטעל פֿון „ריין װאַסער" מאַכען,
מהיכא־תיתי, אַך!
בעסער אָבער פֿון די אַלע זאַכען
איז מײַן מיטעל נאָך.
יודעלס קראַנקהייט, װי איך מײן,
נעהמט זיך פֿונ׳ם לײדיג־געהן.
דריבער דאַרף מען איהם פֿאַרשיקען װײט
אויף קאָלאָניעס אַרבײטען אַ צײט.
זאָל מען קוקען גוט אין תוך אַרײַן,
קען מען איהם בלא־בושה מסרם זײַן.

אַרבּייט, און צוגלייך די אָפּעראַציע,<br>
איז פֿאַר איהם די בּעסטע גאָר קוראַציע.<br>
יודעל טאָר ניט זיין בּעוויבּט,<br>
אַט אַזוי, קאָלעגעס, בּלייבּט״. (123<br>
„ס׳איז פון יודעלס קריינק מיר דול דער קאָפּ,<br>
האַקט אַ דאָקטאָר אָט דעם שמיעם אָפּ,<br>
שיקט איהם האָטש קיין ארץ־ישׂראל<br>
צו דעם פּאָטער,<br>
דאָ אַבּי מיר זאָלען ווערען<br>
זיינער פּטור!״ (124<br>
ס׳בּלייבּט: אַז לאָזען יודלען בּלוט<br>
דאָס איז לכל־הדעות גוט.<br>
רופאים מיט׳ן קליפּערג׳ציג שטעהן גרייט-<br>
ס׳איז „ליהודים״, שׂמחה וששׂון!...<br>
זענען צו דער אָדער לאָזען בּרייט<br>
און צוזעהן זיך מיט אַ גראָשען...

## יז.

און צו די דאקטוירים דעם געריטעל,
ווי אראפגעפאלען פון'ם הימעל,
קומט א דאקטאר פלוצלים אונטער,
מיט א הויקער, קיין געזונטער, 125)
איז א מענש א גוטער, אהן א גאל,
נארען לאזט ער זיך ניט אויף קיין פאל.
מיט איהם קומען אויך פון זיין חבריא
אסיסטענטען, העלפער זעהר געטרייע. 126)
ביים אריינקום נאר אין שטיבעל
ווערד זיי אויפ'ן הארצען איבעל.
און אין שטיבעל איז פארדומפען, היים,
נאר צום חלש'ן, אפצוגיעהן מיט שווייס.
ס'האט דעם דאקטאר ס'הארץ געריסען,
וואס מען הויבט ניט אן צו-וויסען,
יודעלס קראנק וואס איז, וואס זי בעטייט,
און מען מאטערט איהם א לאנגע צייט.
נעהמט זיך שווארץ אויף זיים בעווייזען,
אז געזונט איז יודעל אייזען.

דופאים נאר פארדרעהען איהם א מח
געהמען צו ביי איהם דעם לעצטען כח.
לופט און פריי צושטהמען אין דער וועלט־
אט וואס מאנגעלט איהם, וואס יודלען פעהלט!
געהט א רופא קעגען דער נאטור,
איז ער קראנק אליין, בעדארף א קור...
„אך, וואס זענען די עם פאר חמורים!—
מאכט צו נישט נאך איינער די דאקטוירים—
אלטע רפואות, פון חמעלניצקעס צייטען,
זיי אויף בעס׳רע מוז מען היינט פארבייטען.
היינט איז א מענש מעהר קיין שפיל,
טהאן מיט איהם וואס נאר מען וויל
אלע איי׳רע רפואות, ברידער,
מאכען ערגער נאך, פארדארבען.
לייגט ווי יודעל איהר זיך נידער,
וועט איהר פון די רפואות שטארבען״. 127)
ס׳שטעלט א פראנצויז, גאר א גלח,
שטארק ארוים זיך, ווי א מלאך.
„וועה־געשריגען! — זאגט ער — שוין פון לאנג
אלץ בעטראכט איהר יודלען דא מיט תנועות,
און פארגיפט איהם ס׳לעבען ווי א שלאנג
מיט די אלטע משונה־ווילדע רפואות.
ווער גיט ס׳רעכט אייך, וויסען בין־איך געגען,
זיך אויף יודעלס בארד צולערנען שערען?
ווי בעהאנדעלט האט איהר, זאגט מיר גלייך,
ס׳שעפלע, וואס געקומען איז צו אייך,

װאָס פון טײַכען בלוט אַרויסגעשװואומען
און צו אײַך מיד בעטען הילף געקומען?
מיט דעם לעבען זיינם דאָ אויף דער װעלט
איז עס נאָך צופרידען ניט געשטעלט,
אַז איהר נעהמט בײַ איהם אַװעק טאָג טעגליך
װאָס זיין לעבען מאַכען קען ערטרעגליך.
מיינט איהר אײַער קור אַצינדער
לאָזען ירושה אײַרע קינדער?
קליגער װערד! און האָרכט די צײַט װאָס רופט:
פרײַ לאָז עטהמען יעדער מענש די לופט!
נעהמט די נײַע מעדיצין אַפּיר,
עפענט, ניט פאַרשפּאַרט זיין לאָז די טהיר!... 128)
ס'מישט אַן־ענגלענדער זיך אויך אַרײַן.
„װיסען, זאָגט ער, זאָלט איהר מוחל זיין,
יודעל איז אַן־אָפּגעקומ'נער פּרינץ,
מיט איהם מאַכען זאָלט איהר ניט די קינץ.
אײביג װעט אויף איהם דער טאַטע ניט זיין בײַז,
װעט דערפילען זיכער זיין הבטחה,
און פון זײַנע צרות איהם נאָך מאַכען לײַז
ברײַנגען איהם צוריק צו זיין משפחה,
פריהער אָדער שפּעטער, צו זיין אָרט,
װי אַמאָל צולעבען גליקליך דאָרט.
דרום זיך היטען זאָלט איהר, מײַנע העררען,
ס'װעט נישקשה ניט געשײנקט אײַך װערען!" 129)
און צום גליק גראַד קומט די „פריהלינגס־צײַט".
ס'האָט די װעלט זיך דענסמאָל פריש בענײַט,

ס'האט געשפּראצט, געבליהט ארום און ארום,
ליכטיג איז געווארען, לעבדיג אומעטום.
די פארוואגלטע פייגעל קומען ווידער,
קומען מיט געזאנג, מיט פרייע לידער
ליבע, ליבע! זינגען זים און שאלען
אפען פאר א וועלט די נאכטיגאלען.
ס'ווערד די מענשען אויף דעם הארצען גרינגער
פרישער שטארקער פיהלט מען זיך און יינגער.
יודעלס וועהטיג ווערד א ביסיל אויך געשטילט,
שטארקער און געזונטער האט ער זיך געפיהלט.

## יח.

נאר וואס העלפט עס אבער, יורעל ליבער,
אז דו האסט גאר, אוי! א חראניש פיבער
דאכט זיך ביסט א מענש, געווארען לייט,
רופט זיך, אפ די קריינק דיר אלע צייט.
לאז נאר טהאן א בלאז א קאלטליך ווינטעל,
לאז נאר טהאן א ביל א פיצעל הינטעל,
לאז אבי ווער אויף דיר נאר קרומליך קוקען,
לאז די זון אין וואלקענס זיך גאר טוקען,
לאז, חלילה, לא יבוא ולא יעלה,
פינסטער ווערען אין דער וועלט א וויילע,
הערען לאז זיך אין דיין גאס א היק
ווערסט-דו מסוכן קראנק, אוים מענש צוריק!

* *
*

ס'דרעהט זיך אין דער וועלט דאס רעדיל איבער,
און אוועק דער זומער גיך דער ליבער.

ז׳קומט דֶער הֶערבּסט אָן מִיט זַיין בֵּייזער צוּרָה,
זַיינֶע מְשָׁרְתִים: ווִינטֶען, נֶעץ און קֶעלט
לויפֶען פְרִיהֶער מִיט דֶער ווִיסטֶער בְּשׂוֹרָה –
רִיכטֶען זִיךְ אויף צָרוֹת זָאל דִי ווֶעלט!
מִיט זַיין קוּמֶען עֶנדֶערט זִיךְ דָאס ווֶעטֶער.
ס׳מִינֶעט זִיךְ אִין פָּנִים דִי נַאטוּר,
אויסצוּשְׁנַיידֶען הויבּט עֶר אָן אִיהר בְּלֶעטֶער.
מְשׁוּנֶה ווִילד און שְׁטְרֵענג אִיז זַיין צֶענֶזוּר.
פוּן דִי זֵיינֶגער אִיז נִיטָא אִי אֵיינֶער,
ווַייט פַארוואָגֶעלט אִיז דֶער סָאלָאווֵי.
ס׳בְּלַייבּט פוּן אַלֶע מֶעהר נִיט אִיבֶּער קֵיינֶער,
עֶר, דֶער גַנָב נָאר – דֶער „וואָראָבֵּיי“.
יודלֶען, נֶעבִּיךְ, ווֶערד בַּאלד ווִידֶער אִיבֶּעל
און אִיז ווִי גֶעווֶען פַארשְׁפַּארט אִין שְׁטִיבֶּעל.
ס׳לֵייגט דִי קְרֵיינק דִי אַלְטֶע אִיהם אַנִידֶער,
און דָאקטוֹרִים אִיהם בֶּעטְרַאכטֶען ווִידֶער.
טַאקִי יֶענֶע אַלץ פֶּערדַאקֶעס,
ווֶעלכֶע קֶענֶען טַאקִי מַכּוֹת.
בְּעֵת דִי חֶבְרָה רֶעדט דָא צְווִישֶׁען זִיךְ
קוּמט צוּ יודלֶען אוּנטֶער אֵיינֶער גִיךְ.
„ס׳בִּין אִיךְ, זָאגט עֶר, מֶעפִּיסטָאפֶעל.
שָׁ-שָׁ, יוּדֶעל, דִיר אִיז שָׁאפֶעל!
בִּיסט שְׁלַאף? לִיג-זְשֶׁע בֶּעסֶער שְׁטִיל,
רֵיידֶען ווֶעל אִיךְ, רֵיידֶען פִיל.
אַי-אַי, אִיז עֶס הַיינט אַ לֶעבֶּען
פַאר מִיר, פַאר דַיין אַלְטֶען רֶבִּין!

אָהן עַין־הָרָע הָאב איך עס אַ צַייט,
אָנגענומען בין איך שטאַרק בַיי לַייט.
פְּלֶעג מיך שטופּען פריהער דורך דער מְהִיר,
מוזען טַעֲנֶה׳ן יאָהרען גאַנצע לְעֶרֶךְ
ביז עס האָט לְסוֹף אָפּגעגאָלטען מיר
האַלטען מיט אַ מענשען אויף אַ דֶרֶךְ.
היינט־וְשֶׁע קום איך פְרַיי אַרַיין
אין די גרעסטע שעהנסטע עֲרְטער,
איך בעדאַרף ניט מַאֲרִיךְ זַיין,
פַארטיג ווער איך אין צְווַיי ווערטער
פריהער האָט מען אַלץ אַלֵיין געדַיינקט
און געוועהען ניט מיט יענעמס אויגען,
האָב איך מיך געמאַטערט און געקרַיינקט
ביז איך האָב אַ חָכָם צוגעצויגען.
ס׳איז אַ נְשָׁמָה פַאר אַ גרויסען פְרַייז
מיר צוקויפען פריהער אויסגעקומען,
ס׳האָט געלעבט אין וועהלטיג אויף מַיין שְפַייז
ביז עס האָט דער רוּחַ זי גענומען.
היינט אויף נְשָׁמוֹת איז אַ זול,
ס׳קאָסט די סְחוֹרָה מיך ניט טהַייער.
וועסט מיר גלויבען? איך בעצאָהל
פַאר אַ צעהנדליג הַיינט אַ דְרַייער!
די דאָקטוירים, מַיינע לַייט וואָס דאָ,
די, משׂמַיינם־געזאָגט, חַקְרָנים,
אַט וואָס זוכען אין דיר וואָס ניטאָ־
וויפיל קאָסטען די נַאראָנים?

וויפיל פָארט? ------
לָאמִיר לָאזֶען עֶס דֶערוַוייסֶע,
סְ'איז דֶערפון צוּרֵיידֶען נִיט דָא סְ'אָרט,
וֶועגֶען דִיר איז אִיצט דִי שַׁאֲלָה.
מֵילֶא וֶועהסט־דוּ דָאךְ שׁוֹין גוּט אַרוֹיס,
אַז אַצִינד דִי וֶועלט איז מַיינֶע,
וָואס־זֶשֶׁע, יוּדֶעל, מַאכט מִיר אוֹיס
חַאפֶּען נָאךְ דִי נְשָׁמָה דַיינֶע?
נִישְׁמֶער גָארנִישְׁט, גְלַאט פַאר פְרַיינדְשַׁאפט נָאר
בִּין אִיךְ אִיצט אַהֶער גֶעקוּמֶען,
סְ'הָאט דַיין פָּנִים פוּן אַ שְׁוַוארצֶעיָאהר
מִיךְ בַּיים הַארצֶען אָנְגֶענוּמֶען.
הָאסט אַ טוֹיזֶענט מָאל גֶעהֶערט פוּן מִיר
אוּן אוֹיךְ הֶערֶען וֶועסט־דוּ עֶס אַצִינדֶערט,
אַז דִי אַלֶע צָרוֹת הָאסט־דוּ דִיר
פַאר דַיין הַאלְטֶען זִיךְ נָאר אָפְּגֶעזִינדֶערט.
הַיינט איז צַייט נָאךְ סְ'זָאל דִיר וֶוערֶען גוּט
אוּן אַוֶועקצוּוַוארפֶען דַיין עַקְשָׁנוּת,
אוֹיבּ נִיט, וֶועסט־דוּ, יוּדֶעל, זַיין קַאפּוּט,
סְ'וֶועט, חָלִילָה, צוּשְׁפֶּעט זַיין, בֶּנֶאֱמָנוּת!
אָט דִי שַׁאֲלָה לֵייג אִיךְ דִיר דָא פָאר,
וִוי צוּ־פָּטוּר־וֶוערֶען פוּן דַיין צָרָה?
גוּט בֶּעטְרַאכט זִיךְ, אָבֶּער גִיכֶער נָאר,
אוּן אַ תְּשׁוּבָה גִיבּ מִיר בַּאלד אַ קְלָארֶע!"
אוּן אַ מַאךְ טְהוּט יוּדֶעל מִיט דֶער הַאנד
קֶעהרט זִיךְ אוּם מִיט'ן פָּנִים צוּ דֶער וַואנד.

„יודֶעל, בִּיסט גֶעווען און בְּלַייבּסט אַ בְּהֵמָה,
הָאבֶּען וֶועסט־דו נִיט קַיין רְפוּאָה שְׁלֵמָה!“
פּלוּצלִים וֶוערד מְ׳פִּיסטָאפּלֶען אִיבֶּעל,
סְ׳קוּמט דָאס וַוייבּ אַרַיין אִין שְׁטִיבֶּעל,
זָעצט בַּיי יודלֶען זִיךְ צוּקָאפֶּענס,
קְרֶעפְּטִיגט אִיהם מִיט אִיהרֶע טְרָאפֶּענס.
„חֶבְרָה, זָאגט מְ׳פִּיסטָאפֶּעל שְׁטִיל,
קוּמט, אוּן טַעֲנֶה׳ט דָא נִיט פִּיל!
סְ׳אִיז פוּן וָואס צוּרֵיידֶען שוֹין נִיטָא,
זִיךְ צוּדוּלֶען מִיט אוּמזִיסטֶע זַאכֶען,
זִי, דָאס וַוייבּ, אַז נֶעבֶּען אִיהם אִיז דָא,
וֶועט אִיהר שוֹין, נַארַאנִים, גַארנִישט מַאכֶען!...

# הערות צום ערשטען טהייל.

1) דברים ח׳ ז—י״ א. 2) שמות י״ט, ט״ז—כ׳. 3) מדרש רבה. 4) בראשית י״ד כ׳, דברים י״ד כ״ב. 5) עם שם כ״ט. 6) שמות כ״ה ח׳. 7) במדבר כ״ח, שם כ״ט, שמות ל׳ ח׳, 8) דברי הימים א׳ ט״ו, ט״ז וכו׳, 9) דברים כ״ו י״ח, שמואל ב׳ ז׳ כ״ג. 10) סנהדרין ק״ז א׳, 11) ירמיה ל׳ י״א. 12) ישעיה מ״נ ב׳. *) מלשון בעל פה (מינדליך). 13) תורה שבעל פה. 14) ארכיטעקטור. 15) בילדהויער - קונסט. 16) בראשית ל״א, מ״ה מ״ט, הושע ד׳, ח׳ י׳. שם כ״ב כ״ו כ״ח ל״ד. ובשביל הרעיון הנכבד שהיה כמום בעצם ראשונה בבמות ומצבות נתגלגל הדבר אח״כ שהתחילו לעבוד אותן. ועיין רמב״ם הלכות עכו״ם פ״א א׳, 17) צפניה א׳ ח׳. רמב״ם הלכות עכו״ם פי״א א׳, וכתב שם בעל כסף משנה בשם מהרי״ק קולון: „שלא נתכוין לאסור אלא מלבוש המיוחד לעכו״ם וכו׳, אבל בשאינו מלבוש המיוחד לעכו״ם על דרך זו אין הישראל חייב להשתנות מן העכו״ם כלל ועיקר“. *) לגלות למקום תורה ולשמש תלמידי חכמים. **) בעקבתא דמשיחא חוצפא יסגא. 18) ויקרא י״ט כ״ז. 19) אבות פ״א, ב׳. 20) שמעון הצדיק בעל המאמר הזה היה משירי כנסת הגדולה, המקובצת מאנשים השובים שנקראים סופרים ע״ש עזרא הסופר המהיר (עזרא ז׳ י׳) וחז״ל שמשו במלת סופרים על החכמים בכלל כי בימים ההם היה מעשה הכתב יקר, והאיש אשר ידע למשוך בשבט סופר כבר היה מבעלי הידיעות (באור שם) ובגמ׳ (קדושין ל׳ א׳) לפיכך נקראו ראשונים סופרים. *) תלמוד גדול או מעשה גדול (קדושין מ׳ ב׳ ג׳). 21) ויקרא ב׳, ד׳ ה׳. 22) שם כ״ד ה׳. שמות י״ב ט׳. 23) שמות

כ״ז א׳, שם ל׳ י״ח. שם כ״ה כ״ט. שם כ״ז ז׳. 24) שמות כ״ו ל״א. שם כ״ח ו׳ ט״ו. 25) שמות כ״א כ״ב כ״ג. 26) ויקרא י״ב י״ג י״ד. 27) מיט דעם נאמען רופען די אומות העולם ד״ם שטן. 28) שמות ט״ז, כ״ט. 29) ויקרא י״א ב׳ כ״ד. 30) ויקרא י״ט י״ט. דברים שיצר הרע ועו״ג משיבין עליהם כגון אכילת חזיר ולבישת שעטנז, שאין טעם בדבר אלא גזירת המלך (רש״י בראשית כ״ו ה׳). 31) פסל ומסכה. 32) עבודה זרה ב׳ ב, מלמד שהחזירה הקב״ה על כל אומה ולשון ולא קבלוה. 33) שם שם, מלמד שכפה הקב״ה הר כגיגית על ישראל ואמר להם אם אתם מקבלים וכו׳ מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם. 34) שבת פ״ח א׳, עמא פזיזא דקדמיתו פומייכו לאודנייכו, כלומר נעשה ונשמע. 35) דברים ד׳ י״ט. 36) דברים ד׳ י״ז י״ח. 37) ישעיה ס״ו י״ז. 38) מיכה ב׳ א׳. עמוס ו׳ ח׳. 39) יחזקאל ב׳ ד׳. 40) הושע ג׳ א׳. עמוס ו׳ ו׳. 41) ישעיה נ״ז ה׳ ט׳. 42) שם כ״ח, א׳ ז׳. 43) ויקרא י״ח ג׳. 44) דברים ו׳ ז׳. 45) מדרש חזית על פסוק הנך יפה רעיתי. 46) שיר השירים ד׳, א׳ ט׳. 47) שם א׳ ה׳. 48) שיר השירים ו׳ י״ב י״ג. 49) שם ב׳ ז׳. 50) דברי הימים ב׳, כ״ט, ו׳ ז׳. סנהדרין ק״ג א׳. אמון העלה שממית ע״ג מזבח. 51) הושע ב׳ י״ג. 52) ישעיה א׳ י״ג. עמוס ה׳ כ״א כ״ב. 53) מלכים ב׳ כ״ב, ה׳ ו׳ י״א. 54) מלכים ב׳ י״ז י״ג. 55) שמות ט״ז ח׳ ט״ו. שם י״ז ו׳. 56) מלאכי א׳ ב׳. 57) דברים ל״ד י׳. 58) במדבר י״ב ג׳. 59) בראשית א׳. 60) ויקרא כ״ה, מ״ב נ״ה. 61) שמות כ״א ה׳ ו׳. 62) ויקרא כ״ה י׳ כ״ג. 63) ישעיה ל׳ ב׳ ח׳. 64) דברי הימים ב׳ ל׳ ט״ז. 65) הושע ט׳ ז׳. 66) ישעיה כ״ב י״ג. אכול ושתה כי מחר נמות פירש״י שלא יהיה לנו חלק לעולם הבא נעשה לנו הנאה בחיינו. והרד״ק כתב ונשמח בעודנו בחיים. וכל זה ללעג ולשחוק לדברי האל. ויונתן תרגם: מדנמות לא נחי. 67) קהלת ג׳ י״ט כ״ב. שם ט׳ י׳. 68) כפירוש המפרשים שם. 69) במדבר ט״ו, ל״ט. 70) ישעיה ו׳ י׳. 71) תהלים קי״ו ל״ז. 72) דברי הימים ב׳ ל״ג ז׳. 73) יחזקאל י״ז כ״ג. ירמיה כ״ג כ״ז. 74) ירמיה ג׳ ו׳ ז׳. 75) ירמיה כ״ג, כ״ז ל״ג. 76) יחזקאל י״ג י״ט. מיכה ג׳ י״א. 77) ירמיה ו׳ י״ד. יחזקאל י״ג ו׳. 78) יחזקאל כ״ב, כ״ה כ״ו. צפניה ג׳ ג׳. 79) גיטין נ״ז ב׳ דמיה דזכריה דהוה קא מרתח. 80) ישעיה ה׳ י״ח. 81) שם שם ה׳ ו׳. 82) מלכים ב׳ י״ח ט״ז. 83) עמוס ו׳ ח׳. 84) הושע ד׳ ט״ו. 85) ראש השנה ל״א א׳. 86) שם שם. פתיחתא איכה רבתי. 87) מה לו לאב שהגלה וכו׳ ואוי להם לבנים שגלו וכו׳ ברכות ג׳ א׳. 88) הלא אומה של בוזזים אתם וכו׳. בראשית רבה פ״א. 89) דברים רבה פ״ה. 90) שם שם. מי שמבקש לילך ילך לו. 91) שם שם. 92) בראשית כ״ג, י״ז י״ח. 93) סנהדרין צ״א א׳. ובלי ספק האשמה ההיא מוצאה מימי קדם וכבר היתה לעולמים.

94) מלכים ב׳ כ״ד ב׳. 95) תהלים פ״ג ה׳ ו׳. 96) מלכים ב׳ כ״ד. 97) ישעיה י״ד ו׳. 98) מלכים ב׳ כ״ד ז׳. 99) שבת קמ״ט ב׳. 100) ישעיה פ״ג י״ג. 101) מלכים ב׳ כ״ד א׳. 102) ירמיה כ״ז י״ב י״ז. 103) שם ל״ז כ״א. 104) שם. שם כ״א; שם ל״ח ו׳ 105) פתיחתא איכה רבתי. 106) תהלים ע״ד ו׳. 107) עובדיה א׳ י״א י״ג. איכה א׳ כ״א. 108) יחזקאל ל״ו ב׳. 109) ירמיה נ״ב י״ח י״ט. 110) ירמיה ט׳ ט׳. 111) שם ט׳, ט״ז. 112) פתיחתא איכא רבתי. 113) ירמיה ל״א ט״ו. 114) שם שם ט״ז 115) איכה ג׳ ט״ז. 116) שם ד׳ ח׳. 117) תהלים קל״ז א׳ ט׳.

# הערות צום צווייטען טהייל.

1) מלכים ב׳ כ״ד א׳, 2) דניאל א׳ א׳ ב׳, 3) יחזקאל י״ז ט״ו, 4) יחזקאל י״[ז] י״ג, סדר עולם פכ״ח, 5) דניאל א׳ ג׳ ד׳, 6) שם שם ב׳, 7) שם שם י״ט כ׳, 8) שם ב׳ מ״ח, 9) שם שם מ״ט, 10) שם ה׳ כ״ט, 11) 12) דניאל ב׳ כ״ג, 13) שם ו׳ י״ז, 14) יחזקאל א׳, 15) שם כ״א ה׳, 16) יחזקאל ל״ו ט׳ י״ב, 17) שם ל״ד כ״ח, 18) שם מ׳, 19) דניאל ז׳ א׳, 20) שם ז׳ שם ח׳, 21) שם ז׳ ב׳, 22) שם שם ד׳ ה׳ ו׳, 23) שם ה׳ ד׳ ח׳. 24) שם שם ג׳, 25) שם ד׳ כ״ד, 26) דברי הימים לבית ישראל, פין, צד 4, 27) נחמיה י״ג כ״ד, 28) שם שם, שם עיין ביאור, 29) דניאל ז׳ י״ח, פירוש רמה״נ שם, קדושין ע״ב א׳, 30) ישעיה מ״ה א׳, 31) דניאל ה׳ כ״ו—כ״ט, 32) דניאל שם שם כ״ט, 33) שם בשם יוסיפון לרומיים, 34) עזרא א׳ א׳ ה׳, 35) שם שם ו׳, 36) שם שם ז׳ י״א, 37) עזרא ג׳ י״ב י״ג, 38) שם ט׳ ד׳ ט׳, נחמיה ט׳ ל״ו ל״ז, 39) נחמיה א׳ ג׳, שם ט׳ ל״ז, 40) שם ה׳ א׳ ו׳, 41) עזרא ז׳ ו׳, 42) סנהדרין כ״א ב׳, 43) מגילה ג׳ א׳, סנהדרין כ״א ב. אמרי בינה ימי עולם פרק נ״ז, 44) בבא קמא פ״ב א׳, 45) כנסת הגדולה, 46) שם שם עיין תוספות ודנין, 47) קהלת י׳ ט״ז י״ז, 48) בבא קמא פ״ב א׳ שיהו רוכלין מחזירין בעירות ועיין פין דברי הימים לבני ישראל צד 67, 49) משחרב בית המקדש ניטל טעם ביאה, 50) סוטה מ״ח ב׳ נסתלקה רוח הקודש וכו׳ והיו משתמשים בבת קול, 51) יומא כ״א ב׳ [illegible] וכו׳ שכינה ורוח הקודש, 52) משחרב וכו׳ נתנה נבואה לחכמים, 53) פי[…]

דברי הימים לבני ישראל פאראגראף 10 ובסוף פאראגראף 12 צד 22. 54) אנטיוכוס עפיפאנוס מלך יון. 55) איזראעלס געשיכטע העכט ז. 5. 56) פתאלמעאוס (תלמי) פהילאדעלפוס. 57) הדרת זקנים. 58) מגילה ט׳ א׳. 59) צדיקים 60) כת פרושים. 61) בבל, פרס, יון. 62) מלכות בית חשמונאי. 63) דניאל ז׳ ז׳. פבה״ב ק״ח ב׳ ועיין רש״י שם. 64) תהלים פ׳ י״ד. פסחים שם. 65) בגמרא (סוכה נ״ב ב׳) אמרו על יצה״ר בתחלה קראו הלך ולבסוף קראו אורח וכו׳ שנאמר ויבא הלך לאיש העשיר. 66) העללעניסט. הם כת היהודים ההינים שסגלו להם לשון וחכמת יונית, והיו בזמן בית שני. 67) הוא הפילוסוף אריסטו היוני. 68) הוא המשורר הנודע האמער היוני. ובירושלמי דפרק חלק איתא אבל כפרי המירום וכו׳. 69) ר״ל כת פרושים הם חכמי התלמוד הידועים עמודי בית ישראל.70) 71) 72) כוונתו לכת הצדוקים הבלתי מאמינים בתורה שבע״פ והשארת הנפש ובגמול השכר והעונש לעולם הבא ומאמר רבם אנטיגנוס איש סוכו (אבות פ״א) הוו כעבדים המשמשים את הרב שלא על מנת לקבל פרס הביאם לידי כפירה זו. 73) 74) כוונתו לכת האיסים (עססאֶער) שהם לד״ק דחסידים הראשונים. דרכם היה להתבודד באגודה מיוחדת, כל הנספח אליהם לבש לבנים ואכל ודוי מקופת החברה, כי כים אחד היה לכלם. כל מעינם היה במילי דשמיא, במלאכים וצבא המרום במרום, והיו רופאי חולים בשמות ובסמי הרפואה, שלכך נקראו לדעת קצת איסיים מלשון אסיא שהוראתו רופא, והיו נזהרים מאד לטבול בכל יום תמיד במים, והם טובלי שחרית הנזכרים בדרז״ל. עיין ע״ד הכתות בספרי החכם יאסט, אללגעמיינע געשיכטע דעס איזראעל 1 באנד ז. 517—525. גם געשיכטע דער יודען להחכם גרעטץ חלק שלישי ובמאמר המשוכם ירידת האומה התעלות האמונה׳ להחכם הרי״א קראכמאל. 75) 76) יומא ט׳ ב׳. מקדש ראשון מפני מה חרב מפני ג׳ דברים שהיו בו עכו״ם וגלוי עריות ושפיכות דמים. 77) רז״ל מיחסים שני החורבנות למעשה שטן הוא היצה״ר ואמרו עליו (סוכה נ״ב א׳) שנתן עיניו במקדש ראשון והחריבו וכו׳ שנתן עיניו במקדש שני והחריבו. יומא,מקדש שני מפני מה חרב מפני מה שהיתה בו שנאת חנם, ללמדך ששקולה שנאת חנם כנגד ג׳ עבירות עכו״ם וכו׳. 78) משלי ל״א, י׳. 79) ויקרא י״ט ט׳ י׳, דברים ט״ו ז׳ י״ב. 80) ויקרא י״ט ל״ג ל״ז. 81) שם שם י״ג. 82) שם כ״ה ל״ג. 83) דברים כ״ג ח׳. 84) 85) מרגלא בפומיהו דכל כותבי קורות בני ישראל, כי ברדת האומה במדינות גברה האמונה ועלתה יד התורה עד כי כלם קימו וקבלו עליהם לחרף את נפשם עליה ועל קיומה. ועיין במאמרו של החכם הרי״א קראכמאל ירידת האומה התעלות האמונה׳. 86) עירובין י״ג ב׳ אומר על טמא טהור ומראה לו פנים על טהור טמא ומראה לו פנים וכו׳ שהיה מטהר את השרץ במאה וחמשים טעמים.

87) פעלי המלאכים י"א א׳ י"ח, אגרת פאול אל רומיים א׳ ב׳ פ. 88) יבמות מ"ז ב׳ קשים גרים לישראל כספחת, ובמדרש רות רבה על הפסוק שופטי כו"תי אמרו שדוחין את הגר. 89) אגרת פאול אל רומיים ג׳ כ"ט, האם אלהי היהודים לבדם הוא ולא אלהי הגוים. 90) פעלי המלאכים י"א י"ח, וגם לגוים נתן אלהים תשובה לחיים. 91) אגרת פאול אל העברים י"ג ט׳, אל תנשאו בלמודים שונים וזרים כי טוב לחזק את הלב בהם. 92) פעלי המלאכים, אגרת פאול, הליכותיו, כמעט ומדברותיו. 93) במלת חן משתמשים בעלי הברית על ההשפעה הרוחנית בהרבה מקומות כגון לשבת בחן אלהים, פעלי המלאכים י"ג מ"ג וכיוצא בו. 94) מתיא ה׳ מ"ד. 95) שם שם ל"ט, ואם איש יכך על הלחי הימיני הטה אליו גם האחר. כמו שכתוב בברית החדשה בכמה מקומות. 96) כנודע לכל הקוראים בספרי הקורות מהרדיפות שסבלו בעלי הברית בתחלה במדינת רומא. 97) הוא הקיסר קאנסטאנטין הגדול שקבל הברית החדשה בעשרים ושנים לחודש מאי שנת 337 למספרם. 98) קדושין פ׳ ב׳. כל שאינו מלמדו אומנות מלמדו ליסטות. 99) אבות פ"א ה׳. 100) שם שם י"ב. 101) שם פ"ד פ׳ ד׳. 102) גיטין ס"א א׳. 103) תוספתא פ"ג. 104) יאהאן בוקסדארף בהקדמתו לספר השרשים ארמית ותלמודית. 105) את „לייבצאללי" שלם כל איש יהודי בדרך, בבואו ממקום אחד למקום יאחר. איין אַרמער מאַן, פאטער פאָן קינדערן, דער זיך פאן דעם פערקויפע אלטער קליידער ערנעהרטע, צייגטע פיר 5 אונד אַ האַלב גולדען צאל צעטעל אויף, דיא ער א. ז. וו. ענטריכטען מוסטע בינגען 6 טאגען... זא קאם ער אָם ענדע צו זיינער בראָדלאָזע פאַמיליע ניכט נור מיט ניכטס, זאָנדערן נאָך מיט 2 טהאַלערן שולדען". איזר. געשיכט. העבט ז. 155. 106) היהודים היו משועבדים למלך בגופם ובממונם והיה ביכלתו לעשות בם כרצונו, שלכך נקראו: „קאַממערקנעכטע" המכס הגדול אשר גבה מהם נקרא „שוטצגעלד", ר"ל בגלל אשר ישבו בארצו ויחיו בצל כנפיו. שם 126. 107) עיין שם „יאַנד נאַך דעם פערמעגען" פאַראַגראַף 4. 108) געטאָ אָדער יודענגאַססע. ממאה העשתי עשרה החלו מלכי איטאליא, צרפת ואשכנז להושיב את היהודים ברחוב מיוחד ולכלוא אותם שמה כמקנה בקר. בערב סגרו שער הרחוב מבוא ונפתח בבוקר. 109) ובכל זאת היו מתפרצים שמה שודדים מדלת העם לשלול שלל ולבוז בז ויעשו ביהודים כרצונם. שם ז. 110) להבדיל את ישראל מכל העמים לחרפה ולבושת גזרו שיהיו מצויינים כעבדים במלבושיהם ולעשות סימנים מיוחדים על בגדיהם מצבע צהוב או אדום. העבט ז. 154. בצרפת גזרו על היהודים בשנת 1272 לשאת קרן בכובע. שם שם.

ובספר צמח דוד חלק ראשון כתוב: בשנת רנ״ו נצטוו בני עמנו בעיר וויניציא לשאת על ראשם כובע צהוב. גם בגדי היהודים בפולין והשטרייטיל היו נשואים עפ״י הגזרה המפורסמת, ולזאת עלינו להודות לממשלתנו הנדיבה אשר מעולם לא הבדילה אותנו לחרפה ואדרבא כל ישעה וכל חפצה כי נלבש בגדי חופש, לבלתי יהיה שם ישראל לגדופה. 111) היא עלילת דם, שהאשימו את היהודים כי שוחטי הילדים הם. 112) ר״ל מסע הצלב (קרייצצינגע) לארץ הקדושה בדורות הבינ״ם, ואמרו הנוסעים, עד שאנחנו הולכים להכרית האויבים הרחוקים נכרית נא לראשונה את היהודים אויבינו שבארצנו, ואז סבלו היהודים מאד כנזכר בכל ספרי הקורות, ועיין ביחוד בס׳ דברי הימים, מאת החכם הקדמון יוסף הכהן הספרדי. 113) הוא פערדינאַנד הקנאי מלך ספרד ואשתו איזאַבעללאַ הידועה, אשר בחשבם כי היהודים יטמאו את ארצם התעיבו עלילה להעלותם על מוקדי אש בזמן האינקוויזיציאָן שיסדוהו המה ואח״כ כלה גרשום מארצם. 114) הוא הגראָססאינקוויזיטאָר טהאָמאַס פאָן טאָרקוועמאַדאָ שחי בזמן ההוא והצר ליהודים עד מאד. יאָסט אַללג. געשיכ. ז. 401 והלאה. 115) הוא גירוש ספרד. כתב השר דון יצחק אברבנאל בתחלת ספר מלכים וזה לשונו: בשנת מורי״ה ישראל לכד מלך ספרד כל מלכות גראַנאַדאָ... יצא דבר מלכות ודתו: לכון אמרין כל משפחות בית ישראל כי תעברון במים ותסגדון לאלהי הגוים טוב הארץ תאכלו. ואם תמאנו קומו צאו מתוך עמי, מארצות ספרד... וכמשלש חדשים לא תשאר פרסה וילכו בלא כח שלש מאות אלף רגלי העם אשר אנכי בקרבו. והחכם יאָסט כתב בספרו אללג. געשיכטע דעס איזראַל ז. 402: „דאס עדיקט פאָם 31 מארץ 1492, וועלבעם זעמטליכען יודען דעם לאַנדעס בעפאַהל, בינגען פיער מאָנאַטען דאס לאַנד צו ריימען, אָהנע גאָלד אונד זילבער מיטצונעהמען״. הכונה בהתיסדות האויטאָ־דע־פע היתה להתעולל ע״י בעלי נכסים מופלגים ולקחת מהם את נכסיהם. 116) די דייטשע ליטעראטור איזט די רייכסטע אן שמעהשריפטען געגען יודען. גרעטץ, געשיכטע דער יודען 11 באנד ז. 612 נאָטע 4. 117) אלה הם דברי פריעדריך ריהם מורה דברי הימים בהאקאדעמיא אשר בברלין שם ז. 832. 118) אלה דברי פריעדריך בוכהאלץ, גרעטץ שם ז. 261, ומצאתי לנחוץ להעיר כי אין מוקדם ומאוחר בספורי בסדר המשטינים והמליצים שיבאו בה. 119) הדברים האלה דבר יאהאנן דוד מיכאעלים, פראפעסאר בגעטטינגען. גרעטץ שם ז. 79. 120) דברים קשים כאלה יצאו מפי השופט חריסטיאן לודוויג שהיה ראש המשטינים. גרעטץ שם ז. 256. 121) הוא הצורר הגדול והבלתי מלומד כן כחבריו הראשונים גראטטענאויער, הוא כתב ספרי פלסתר הרבה על היהודים. גרעטץ

שם שם. 122) כדברים האלה הגיד הצורר הרע י. פ. פריעס. אם גיפטיגסטען וואר די שריפט איינעס ארצטעס אונד פראפעססארס דער נאטור-וויססענשאפטען אין היידעלבערג י. פ. פריעס: „געפעהרדונג דעם וואהלשטאנדעס אונד חאראקטערס דער דייטשען דורך די יודען״. גרעטץ שם ז. 343. 123) ככל הדברים האלה דבר איש צר ואויב הונדט-דאראיסקי בספרו „יודענשפיגעל״. עצתו היתה: מאן פערקויפט איזראעלם קינדער אן די ענגלענדער, וועלכען זי שטאטט דער שווארצען אין איהרען אינדישען פפלאנצונגען געברויכען קענען, דאמיט זי זיך ניכט פערמעהרען זאלטע מאן די מענער ענטמאנען אונד איהרע ווייבער אונד טעכטער אין שאנדהייזערן אונטערברינגען. גרעטץ שם ז. 361. 124) היא הפילוסיף פיכטע; שם 249. 125) הוא החכם הנודע הרמבם״ן המכונת מענדעלזאהן. 126) לעסינג, דאהם, ניקאליי, דיעץ, יאהאנעס פאן מילער, מיראבא ודומיהם עוד הרבה. 127) כדברים האלה כתב החכם דאהם בספרו „שוטצשריפט״ להצדיק את בני עמנו, גרעטץ שם ז. 71 והלאה. 128) פריעסטער גרעגאאר הצרפת אחד מצדיקי עמנו המצויינים הוא כתב כדברים האלה בספר. גרעטץ שם ז. 107 והלאת 129) הן אלה אך קצות דברים מדברי החכם לעווים וואי האנגלי יותר דבריו תמצא בספר. גראטץ שם ז. 352 והלאת.

## צום צענטן יאָרצייט פון

# מענדעלע מוכר־ספרים

## (שלום יעקב אַבראַמאָוויטש)

צום צענטן יאָרצייט האָט דער פאַרלאַג „מענדעלע“ אַרויסגעגעבן אַלע ווערק פון מענדעלע מו״ס אין אַ נייער, באַאַרבעטער און קאָנטראָלירטער אויסגאַבע. פאַר יעדן באַנד קומט אַן אַריינפיר און אויך אַ געהעריקע אָפּהאַנדלונג־כאַראַקטעריסטיק פון די ווערק.

אויסער די פריערדיקע צוואַנציק בענדער, האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן צום יאָרצייט **נייע צוויי בענדער**: באַנד XXI „מעשיות וועגן מענדעלען“ און באַנד XXII „דער מענדעלע־טורעם“.

באַנד 1 מענדעלע מוכר־ספרים (זיין לעבן און שאַפן)

באַנד 2 דאָס קליינע מענטשעלע

באַנד 3 פישקע דער קרומער

באַנד 4 די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט־בעלי־טובות.

באַנד 5 די קליאַטשע

באַנד 6 לופט באַלאָן. דער פיש

באַנד 7 יודעל

באַנד 8 שבתדיקע זמירות. פרק־שירה

באַנד 9 מסעות בנימין השלישי

באַנד 10 דער פריזיוו

באַנד 11 דאָס ווינטשפינגערל, I טייל

באַנד 12 דאָס ווינטשפינגערל, II טייל

באַנד 13 צוריק אַהיים. אַלטע מעשה. שם און יפת אין וואַגאָן

באַנד 14 אין אַ שטורעם־צייט. אין דער ישיבה של מעלה. אַ סגולה צו יידישע צרות

באַנד 15 די נשרפים. ספר הבהמות. ספר הגלגולים. דאָס קעלבל

באַנד 16 שבת און יום־טוב. חג האָסיף. דער חילוף. שבת. וואָס הייסט חנוכה. אויף אַסיפות. אַ שטאָט אין מזרח־וואַנט. די אַנטדעקונג פון וואָלין.

באַנד 17 עלטערן און קינדער

באַנד 18 שלמה ר׳ חיימס (1 בוך)

באַנד 19 שלמה ר׳ חיימס (2 בוך)

באַנד 20 זכרונות וועגן מענדעלען

**נייע צוויי בענדער**

באַנד 21 מעשיות וועגן מענדעלען
מעשיות, זכרונות, עפּיזאָדן און קוריאָזן דערציילט פון שלום־עליכם, ציטראָן, אַב — סקי, ראַווניצקי, קלויזנער, שניאור, פיכמאַן א. אַ.

באַנד 22 מענדעלע־טורעם
אַרטיקלען פון פרץ, בערדיטשעווסקי, גינזבורג, דובנאָוו, דינעזאָן, בערקאָוויטש, ספּעקטאָר, וויטער, גאָרעליק, פרילוצקי, ניגער, נאַדיר, אויסלענדער, דאַברושין, מייזיל, גראָס א. אַ.

די ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים זענען די גרונט־שטיינער פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז איר אָנהייב, איר ערשטער אויסדרוק פון קראַפט, פון פאָרם, פון שפּראַכלעכער און קינסטלערישער פאַרווירקלעכונג.

**מענדעלע איז ביז היינט דער גרעסטער קינסטלער פון יידישן וואָרט.**

**זיין ווערק איז צום לערנען, צום שטודירן און צום געניסן צוגלייך.**

**מענדעלעס ווערק דאַרפן זיך געפינען אין יעדן יידישן הויז!**

---

פאַרלאַג געזעלשאַפט „צענטראַל“ וואַרשע, נאַוואָליפּקי 7.